פון דעם מוהל אליין און נישט קוקענדיק אויף דעם גרויסן פראסט האט ער זיך אַ לאָז געטאָן אין וועג אַריין ווייט אין אונטערגעסל נעבן דער ריטשקע.

ר׳ מאיר איז אָנגעקומען אין צייט, האָט זיך אָוועקגעזעצט נעבן טיש, און האָט געשוויגן. אָבער נאָכן מל־זיין דאָס קינד האָט ער אָוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ גוטע פלאַש ווייַן, האָט אָנגעגאָסן צוויי כוסות פאַר דעם בעל־שמחה און פאַר זיך, האָט געטרונקען לחיים פאַר דער יולדת און פאַר דעם רך־הנולד און האָט געזאָגט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן: „פאַרשטייסט מיך, יוסי, איינער פון אונדז האָט געדאַרפט זיין ברוגז: אָדער א י ך, וואָס דו האָסט מיך נישט פאַרבעטן אויף דעם ברית, אָדער ד ו, וואָס איך בין געקומען... אָבער איך האָב זיך באַטראַכט און באַשלאָסן, אַז בעסער זאָלסט דו זיין ברוגז, וואָס איך בין געקומען, אײדער איך וואָס דו האָסט מיך נישט איינגעלאַדן... לחיים אַלע יידן!...

דער ייד האָט זיך פאַרשעמט, עס האָבן זיך ביי אים געשטעלט טרערן אין די אויגן, די אונטערשטע ליפּ האָט ביי אים גענומען ציטערן, עפּעס האָט אים געוואָרגן אין האַלדז און ער האָט נישט געקענט ענטפערן. אַ פּאָר מינוט איז דער בעל־שמחה געשטאַנען ווי אַ גולם, אָבער ר׳ מאיר האָט נישט געוואַרט אויף קיין תשובה, ער האָט גענומען זינגען אַ שיינעם ניגון, דער עולם האָט מיטגעהאָלפן און דער ברית האָט זיך פאַרצויגן ווייט אין אָוונט אַריין, אַזוי אַז מען האָט שוין געדאַוונט מנחה און מעריב טאַקע דאָ אין הייזל... ווען ר׳ מאיר האָט זיך אָנגעטון צו גיין אַהיים איז שוין געווען שטאָק־פינסטער און דער בעל־שמחה האָט אים באַגלייט דעם גאַנצן באַרג אַרויף, ביז ער איז געקומען אויפן גלייכן וועג... (פון מיין מאַמען).

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין קווינס־האָל, קאַמערשעל רויד, א.1. — 3 אַזייגער.

שבת, דעם 2־טן יוני, דער צווייטער שבת פאַרן יידישן קינד.

שבת, דעם 9־טן, וועט סטאַף־סערזשאַנט, דער שרייבער, י. ח. קלינגער, האַלטן אַ פאָרטראַג: דער שונא אונטער שטאַכל־דראָטן.

שבת, דעם 16־טן, וועט עלעק וואַטערמאַן, האַלטן אַ פאָרטראַג: שלום און דאָס יידנטום.

שבת, דעם 23־טן, וועט י. א. ליסקי, האַלטן אַ פאָרטראַג: די מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור.

שבת, דעם 30־טן, די טראַדיציאָנעלע ביאַליק־הערצל פייערונג.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, לאָנדאָן, א.1.
**פרייז 1/-.**



# אונזער קולטור פאדערונג

## שוץ פאר דער יידישער קולטור

אַצינד, ווען מיר שטייען, בפועל ממש, פאַר דער דערשיטערנדיקער טאַטזאַך, אַז אַ דריטל פון אונזער פאָלק איז פאַרטיליקט צוזאַם מיט זייער מאַטעריעלן האָב און גוטס און זייערע גייסטיקע קולטור־אוצרות, און בנוגע דעם לעצטן, איז עס נישט אַ דריטל נאָר דער מקור און די פּאַטענץ פון אונזער גאַנצן יידישן שאַפן, פאָדערן מיר פון די מאָדערנע קולטור־שטאַטן,—אויב זיי ווילן טראָגן דעם נאָמען! — שוץ פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור. אויב די קריסטלעך רעליגיעזע שטאַטן זיינען דערגאַנגען ביז צו דער פרייהייט פאַר דער יידישער רעליגיע און אויף דעם באַזיס זיינען אונזערע קהלות אויפגעבויט געוואָרן מיט שולן, בתי־מדרשים, תלמוד־תורות און ישיבות, חסידים־שטיבלעך און רבישע הויפן, מוזן די מאָדערנע שטאַטן איצט, אויב זיי זיינען קולטורעל און האָבן בדעה עס צו בלייבן, געבן אונז איצט געזעצלעכע שוץ פאַר יידישע קולטור; מיר פאָדערן אומעטום, אין אַלע לענדער, וואו ס׳זיינען נאָר דאָ יידישע קבוצים, זאָל דער שטאַט זאָרגן פאַר יידישע עלעמענטאַרע שולן און סעמינאַרן, פאַר קאַטעדרעס אין די אוניווערזיטעטן פאַר יידישע ליטעראַטור און געשיכטס־פאָרשונג, אונטערשטיצונג פון יידישע קונסט־טעאַטערס און געזאַנג־כאָרן, באַשטעלונגען ביי יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן.

אויב פאַר רעליגיע האָט גענוגט בלויז פרייהייט, מוז קולטור אָבער האָבן שוץ און אונטערשטיצונג!

1

רעליגיע איז אַ דבר שבלב, און יידישע רעליגיע בעיקר איז אַ תוך אָן יעטוועדער פאָרעם — אַ געטלעכקייט אָן יעטוועדער תמונה! דער קולט און די צערעמאָניע, וואָס איז סוף כל סוף אַרויסגעוואַקסן און אַרומגעוואַקסן די יידישע רעליגיע, ווי בשמים־שמעקנדיקע בלומען און ווי שטעכעדיקע דערנער־צוימען, ווי בריענדיקע קראָפּעווע טיילמאָל, איז אָן ענין פאַר די מאַסן און פון די מאַסן און ס׳ווערט געטראָגן פון זיי מיט אַ ברייטער און פולער האַנט. דאָס פּנים פון דער מאַסע שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם קולט־מצב וואָס זי האָט; די קולטישע צערעמאָניע איז דער גבירישער ניוואָ פון אַ רעליגיעזע קהילה פּונקט ווי דער קונסט־שונד פונם קולטורעלן ישוב. ביידע אָבער, דער קולט און דער שונד, נויטיקן זיך נישט אין קיין שום אויסערלעכע שטיצע. דער בעל־

בית אין דער אלטער היים האט אזא הנאה געהאט פון זיין ווייסן כפרה־האן, ווי דא, להבדיל, ווען ס׳„קדיש׳ל״ זיינס זינגט אים אן בפני קהל ועדה די הפטורה, בײדעס, דאס ווייסקייט פון דער כפרה ווי דאס שיינע זינגען פון דער הפטורה, האט קיין סך נישט צו טון מיט פארטיפטער יידישער רעליגיע — עס איז קולט, ער, דער פיינער בעל־הבית און זיין גוידערדיקע באלבאסטע האבן גרויס הנאה דערפון און ער לאזט זיך קאסטן ביד הרחבה.

און מיר, אויפגעצויגענע אין דער אלטער היים, געוואוינט צו פארוואָרצלטע און פארטיפטע צערעמאניעס, טארן גאר נישט אזוי מיט גרינגשעצונג קוקן אויף די קולט־צערעמאניעס פון די אויפגעקומענע ניי יידישע היימען, ווארים, ווער ווייסט עס און ווער קאן עס אפווענן, אויב א יינגל, וואס גייט מיט מיטן טאטן, — אויב ס׳איז נאר דא א סך אזעלכע יינגלעך! — אין סינאגאגע, צי ער פילט נישט די רעליגיעזע־נאטירלעכקייט פונם פארדרייטן קראגן ביים רעווערענד, ווי מיר אין דערהיים פונם שטריימל! די פראגע איז נאר, צי דער „פארדרייטער קאלנער״ האט אין זיך די פאטענץ ווי דאס שטריימל און ממילא צו קענען ווערן אמאל א קולטור־רעקוויזיט. ס׳איז א צו גרויסע פראגע, ס׳איז „די פראגע פון זיין אדער נישט זיין״. . . דאס נאר בדרך אגב.

אויך דער יידישער שונד טראגט זיך אליין, דאס פאלק, די מאסע, האט דערפון גרויס הנאה און לאזט זיך קאסטן. און באמת אין א פול געפאקטן יידישן טעאטער, — וואס מ׳זאל דארטן נישט שפילן! — טרעט איך אריין ווי אין א מקום קדוש. און פונקט ווי אין שול צוזאם מיט עולם שפרינג איך „קדוש״ און שפיי אויס ביי „עלינו״, לאך איך אינם טעאטער, צוזאם מיט די הונדערטער יידן, ביים וואולגארסטן וויץ און צעוויין זיך, ווי ביי „כל נדרי״ מיט די הונדערטער יידענעס ביי א רירנדיקע סצענע אויף דער בינע.

דער שונד, נאטירלעך ארויסגעוואקסן און ארומגעוואקסן ארום דער רייכער און שפעדיקער יידישער ליטעראטור, ווי דער אבערגלויבן ארום אונזער טיפער יידישער אמונה, און — „קול העם איז דאך „בקול שדי״ !

דערפאר איז יידיש וואולגאר־טעאטער געזיכערט וואו נאר א יידישער ישוב איז פאראן, אפילו די צייטונג האט א גרויסע אונטערשטיצונג פון די וואולגארע ראמאנען און האלב־אונטערגעשונדעוועטע, וועלכע דריקן זיך אין איר.

די יידישע מאסן, די יידישע האראפאשניקעס האלטן אויף זייערע גייסטלעכע און גייסטיקע מסודות, זיי טראגן א טיפן אחריות פאר זייערע הייליקייטן און קאלעקטיוו באדערפענישן, אן יעטוועדן דרוק און שוץ פון דרויסן. עס איז ממש רירנדיק צו זען דעם דרך ארץ וואס זיי האבן פאר זייערע גייסטלעכע און גייסטיקע מנהיגים און די ליבע זייערע צו זייערע „סטארס״ און „ליבלינגע״. עס איז דאס נאאיווע פאלק, די גלויביקע מאסע, וואס טראגט דעם עול אויף זייערע שווערע פלייצעס — ווי איז צו אזא ישוב, וואס זיינע מנהיגים דרייען זיך ארום ווי די צירקוס דירעקטארן מיט די צילינדערס אויף די קעפ און די בייטשן אין זייערע הענט אן דרך ארץ און אן פארשטענדעניש צו די באדערפנישן פונם פאלק, אן שום ידיעה צו דער טיפער גייסטלעכקייט און עמקותדיקער



גייסטיקייט פון אונזערע פארגאנגענע דורות, און מיט ביטול און אפילו מיט שנאה צו די גייסטיקע און קולטורעלע באמיאונגען און שאפונגען פון אונזער איצטיקן דור.

אבער קולטור איז בשום אופן נישט קיין ענין פאר נישט פראגרעסיווע מאסע, — פאר „מנהיגים״ אודאי און אודאי נישט! — מאדערנע יידישע קולטור איז די קינסטלערישע עסטעטישע פארעם פארן „דבר שבלב״ — פאר געוויסן! ווארט־קונסט, מאלעריי, מוזיק, ליטעראטור־און געשיכטס־פארשונג זיינען נישט קיין קבלהיסטישע פארמולן, קיין טענערלאזע ניגונים, וואס מ׳דערגרייכט זיי ערשט בשעת יציאת־נשמה און דוקא דורך תעניתים און סגופים.

יידישע קולטור איז „וחי בהם״!

אפילו אונזער סכאלאסטישע־און פלפול־ליטעראטור, — וואס איר מהות איז נאר א פארשונג און דערקלערונג פונם תנ״ך, אבער ווייל אין תוך גענומען איז זי א גייסטלעך־גייסטיקע פארעם צופאסונג, בכדי צו דערהאלטן דעם תמונה־לאזן תוך פון אונזער רעליגיע, — האט נאר געקאנט דערגרייכן צו אזא שארפזיניקייט און עמקותדיקע פארטיפטקייט, נאר דורך די סיסטעמאטישע אונטערשטיצונגען פון אונזערע ישיבות. אנגעהויבן פון די ישיבות פון בבל און סוריה ביז די ישיבות פון חכמי לובלין, שיינט, אז די אונטערשטיצונג און באשיצונג פון די גייסטיקע מוסדות זיינען געווען ניט נאר פון יידישע נדבות אליין — בלויז נאר דערמאנען די פאדערונג פון רבי יוחנן בן זכאי: „תן לי יבנה ובנותיה״, די פארבינדונג פון רבי יהודה הנשיא מיט אנטונינסן, דער ועד ארבע הארצות און לעצטנס די אונטערשטיצונג פון די פוילישע מאגיסטראטן. יעדע מינדסטע פארעם איז שוין פארבונדן מיט מאטעריע, אפילו בלויז א גייסטלעך סכאלאסטישע צופאסונגס פארעם! דער פאראל „פרייהייט פון רעליגיע״ מיינט שוין שוץ און אונטערשטיצונג — ווארעם ריינע פארעמלאזע יידישע רעליגיע טראגט אין זיך אליין איר פרייהייט — ס׳איז נשמה אן יעדער מינדסטער צומישונג פון גופניותדיקייט! ס׳איז אייביקער מסירת נפש!! יעדע רגע איז „בכל לבבך ובכל נפשך״, יעטוועדער רגע אויסצוגיין מיט אלע ארבע מיתות בית דין. — —

אמת, די יידישע מאדערנע קונסט, די יידישע ליטעראטור וויל זיין די פארעם פאר אט דעם דאזיקן פארטיפטן און ריינעם דבר שבלב, פאר דעם נשמה׳דיקן, ארונטערגענומען פונם אונטערן געטלעכן כסא־הכבוד, אבער נאר פארעם וויל זי זיין, חושימדיקע, גופניותדיקע, און ממילא מאטעריעל פארבונדענע.

יא, אונזערע קלאסיקער איז עס גאנץ געלונגען; ביידע זייטן פון דער מטבע זיינען עכט און בולט. מענדעלעס קינסטלערישע פקחות איז סכאלאסטישע חקירה, איז געגאסן אין פארעם אריין פונם זידיקן כלי ראשון; און טייטשט דער שכלדיקער טביה אין א פשט אין א פסוק אויף א האר אנדערש דען ווי רבה בר בר חנא? און פרץ איז דאך יידיש געלייטערטע רעליגיע, פארטיפטע מיסטיק, גין־גאלדן געהעמערט אין די קלאפנדיקע שלייפן פון יידישער גאונות — יא, די יידישע שפראך איז עס. — יעדעס ווארט געפארעמטע הועיה און תניעה, באוועגט מיט הענט און פיס! — וואס מאכט אונזער ליטעראטור אזוי

גופניותדיק באַוועגלעך, אַזוי חושימדיק לעבעדיק. און וואָס איז די מאַטעריעלע פאַרבונדנקייט אירע איצט? וואו איז דער באַזיס, וואו זי זאָל זיך ווייטער צעוואַקסן און טראָגן די צייטיקע פרוכטן, נאָך די לעצטע 50 יאָר ווי זי האָט זיך אַזוי וואונדערלעך צעבליט?

אָ, ווי מענצעט זיך אַש איצט מיט יידישן תוך? און ווי זוכט בערגעלסאָן גובר צו זיין די אויסערלעכע פרעמדע פאָרעם, און ווי בלוטיק בולט פרעגט זיך דיביידע זייטיקע יידישע „מטבע“,—אין אַלע צווייגן פון קונסט,— גאַנץ אַנדערש ווי דער צוויי פנימדיקער לאַכנדיקער גריכישער יאַנוס — — —

אָבער אַ חוץ דאָס שונדישע סענטימענטאַלע און האַלב־קינסטלערישע, וואָס ווערט געטראָגן פון די יידישע מאַסן, דורך די פערמיטלונג פונם טעאַטערדירעקטאָר און צייטונגס־רעדאַקטאָר, איז דאָס יידישע שאַפן אויסגעזעצט אויף גאָטס באַראָט. און צי די יידיש־אַמעריקאַנישע פראָגרעסיווע מאַסן קאָנען זיין פאַר דער יידישער קולטור דאָס וואָס פוילן איז געווען אין די לעצטע 25 יאָר, איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט — בפרט איצט, אַז דער אָנגעזעענער ארץ־ישראל ישוב ווירקט ממש אָנשטעקנדיק מיט איר פאַרביסענעם קאַמף קעגן יידיש.

אפשר ענג־פאַרטייאיש און פאָליטיש איז עס „לאָגיש“ ווי זיי האַנדלען בנוגע יידיש שאַפן, נאָר דער פאָליטישער־ציוניזם מוז זיך צייטיק אַרומזען, ווייל ער נעמט באמת אַרום אַצינד גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק און פון אַלע שיכטן, אַז זי זאָל חלילה נישט בלייבן אין דער יידישער געשיכטע, דאָס וואָס די שבתי־צבי־באַוועגונג איז אַמאָל געבליבן. עס טוט זער ווייַ אַזעלכע שרעקלעכע ווערטער אויף די ליפּן אַרויפצוברענגען, אָבער דער ווייטאָק און די שרעק אין שעה פון געפאַר, אַז אַלצדינג חלילה זאָל נישט גיין פאַרלוירן, איז פיל גרעסער.

.2

דעריבער, אויב אונזער קולטור — וואָס איז בשום אופן נאָך נישט קיין ענין פאַר נישט פּראָגרעסיווע מאַסן!—זאָל קאָנען עקזיסטירן, זאָל קאָנען ווייטער אָנגיין, זיך ענטוויקלען און וואַקסן און נישט ווערן דערנידריקט און לעבן בשפל המצב, ממש פון בעטל־ברויט, ווי פאַסטנדיקע קאַבאַליסטן, ווי מאַנאַכן אין מיטל־אַלטער, מוז זי אומבאַדינגט געשטיצט ווערן, ווי אַלע מאָדערנע קולטורן פון די אַלגעמיינע קאַסעס פון די מאָדערנע שטאַטן.

די נויטווענדיקייט פון דער יידישער קולטור האָט נאָך בשום אופן נישט אַרומגעכאַפּט ס׳גאַנצע יידישע פאָלק! און נאָכדעם ווי פינף מיליאָן פונם מזרח־יידנטום,—פון דעם טייל יידנטום וואָס האָבן די קולטור געשאַפן, זי אויסגעטראָגן און אויף זייערע כוחות זי געטראָגן! — זיינען פאַרטיליקט געוואָרן, שטייט זי ממש אין געפאַר—יאָ, אַ פאָלק, וואָס ווערט רק געשאָכטן, געקוילעט, האָט געגנוג אַ גאָט, אַן תמונה און אָן געשטאַלט, ס׳זאָל צו אים יאָמערן און שרייען, ס׳זאָל שטיין אין שטויב פאַר אים, די נשמה אויסהויכנדיק און זיך קלאַפּן אין האַרץ אַריין: „אשמנו מכל עם“!



און איז אַ הונדערט־פּראָצענטיקע אַסימילאַציע ניט אַ נאַטירלעכע נטיה ביי אַ פאָלק, וואָס גאַנצע טיילן פון אים, ווערן מיליאָנענווייז אויסגעראָטעט — באַוואוסטער מאַרטירערטום איז אַן ענין פאַר יחידים, אַלנפאַלס נישט פאַר אַ מיליאָנען מאַסע.

אָ, און די „גלות“־„קולטור“־אַרבעט פון די פאָליטישע ציוניסטן—אַז אַך און וויי איז שוין צו אונז אַלעמען! אַ חוץ אַז דער „מציון תצא תורה“ איז ביי זיי דער טייטש: אַ שטייג מיט יידישע גענז אין תל אביב איז השובער ווי די גאַנצע יידישע ליטעראַטור! און טאַקע צו אַזאַ שפלותדיקע קולטור־מדרגה ווילן זיי דערפירן אַפנים זייער „קולטור־אַרבעט“ אין „גלות“ — באמת, מ׳מוז צוערשט פאַרמיאוסן און מבטל מאַכן די גאַנצע יידישע „גלות“־שאַפונגען, בכדי יעדער מינדסטער „היברו־טיטשער“ פון „פאַלעסטיין“ זאָל ראוי זיין צו ווערן אַ ראש־גלותא! און פון די מאָדערנע ביוראָקראַטן בריונים איז דאָך שוין בכלל נישט וואָס צו ריידן: וואָס זיינען פאַר זיי פינף מיליאָן אויסגעקוילעטע יידיש־ריידנדיקע „גרילצערס“ קעגן איין גוטע קרן־קימת רעדע — בכל לשון! — און וואָס פאַר אַ ווערט האָבן פינף מיליאָן אויסגעקוילעטע יידן, אַז פון זיי וועסטו שוין קיין איין פרוטה נישט מוצא זיין? פאָליטיקער מוזן טרייבן רעאַל־פאָליטיק! . . . אַז אפילו אַ דירעקטאָר פון אַ ירושלים־אוניווערזיטעט מאַכט ליבערשט פּראַקטישע רעאַל־פאָליטיק, איידער אַ קאַטעדראָ פאַר יידישער ליטעראַטור. און די סטאַטיסטיק איז אַ ריין אַקאַדעמישע: אַז פון די 5.000,000 מזרח־אייראָפּעאישע יידן איז געבליבן אַ שארית הפליטה פון אַ האַלבן מיליאָן, וועט פון דער אַמעריקאַנישער אַסימילאַציע אויך דאָס ניט בלייבן, און אויף דעם מיליאָן וועלן מיר שוין משוה ווערן מיט די ענגלענדער און אַראַבער. און ס׳וועט זיין „עם ישראל חי“ — לעבעדיק יידעלעך.... וואָס שאַדט עס, אַז ס׳בלייבט אַ מכה, אַבי דער חשבון איז אַ ריכטיקער . . . אַן אַקאַדעמישער! און די געבליבענע יידישע ליטעראַטור נעבעך, די פאַר׳אַלמנהטע שפחה, מיר וועלן זי אוסטראַיען, אַן איבערזעצטע אין „מאָדערן היברו“, אַז ס׳וועט זיין אַ כבוד פאַר איר . . .

יאָ, די עקזיסטענץ פון דער יידישער קולטור איז אין געפאַר! און אויף די הילף פון די „וואָלי קויהענס“ האָפן מיר נישט. זיי די בורי „מדאוריתא און שטשערווע מדרבננס“ קאָנען זיין די לעצטע פוסקים בנוגע „כשרות“ און „חנוך“, זיי קאָנען זיצן אַרום רונדן טיש (און שפילן קאָרטן — הלואי, ווען זיי וואָלטן זיך בענוגענט מיט דעם אַליין בנוגע יידישע ענינים...) און באַשליסן מכוח די ענגלישע קאָלאָניע „פאַלעסטיין“ — באמת, דאָס אַליין איז שוין פון זייער זייט די גרעסטע הילף פאַר דער יידישער מאָדערנער קולטור, וואָס זיי האָבן מיט איר קיין שום מגע ומשא נישט!

און אויב לינקע אַסימילאַציע מיינט נאָך אַלץ, אַז „מיט יידיש בלוט איז גוט צו שמירן די רעדער פון דער רעוואָלוציע“, זאָגן מיר זיי: אפילו אונטער באַריקאַדן, ווער ס׳פאַרקריכט זיך איז ער אַלץ נישט מער ווי אַ וואָרעם . . . יידישע קולטור (פונקט אַזוי ווי יעדע אַנדערע קולטור) איז נישט נאָר אַ מאַסן־

פּראָדוקט פאַר „גרויס״־פּאָליטיק. די יידישע יוגענט, דער איצטיקער דור, קאָן נאָך יידיש, זיי פאַרשטייען נאָך אַלע יידיש. טאָ קומט און לערנט און העלפט — קולטור האָט פיינט טומעל און שיין־רעדעריי. און פּונקט ווי מיר זאָגן צו דער ציוניסטישער יוגענד: גיסט נישט אויס דאָס אומריינע וואַסער (דאָס שלעכטע יידיש וואָס איר רעדט) איידער איר האָט נאָך דאָס ריינע (דאָס „היברו״ וואָס איר קאָנט איבערהויפּט נישט), זאָגן מיר צו דער רעוואָלוציאָנערער יידישער יוגענט: אויב איר מיינט נאָר פּאָליטיק גערעדעריי, טאָ לאָזט ליבערשט איינגאַנצן צורו די אָרעמע יידישע קולטור.... מיט בלויזן בראָיענדיקן און ראָיענדיקן קאַמף קעגן פאַשיזם, איז נאָך נישט געדרונגען, אַז מ׳זאָל אַ קריכנדיקן וואָרעם נישט צוטרעטן. און אָן קולטור איז מען נישט מער ווי דאָס.

פאָדערן מיר איצט פון די מאָדערנע קולטור־שטאַטן, — אויב זיי ווילן טראָגן דעם נאָמען! — שוץ און אונטערשטיצונג פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור. אויב די קריסטלעכע שטאַטן האָבן געגעבן פרייהייט פאַר דער יידישער רעליגיע און זי מיט כבוד אָנגעזען ווי די מוטער פון זייער רעליגיע, איז די מאָדערנע יידישע קולטור און ליטעראַטור די יינגסטע און לייבלעכע שוועסטער פון די מאָדערנע אייראָפּעאישע ליטעראַטורן און קולטורן; אין יעדן לאַנד איז זי פון דער זעלבער ערד אַרויסגעוואַקסן פון זעלבן הימל באַלויכטן! און דער תוך? איז דען נישט יעדע ריינע און עכטע קולטור און ליטעראַטור געפאָרמטער דבר־שבלב און קאַמף פאַר ערלעכן געוויסן?

און אויב דאָס געוויסן פון אייראָפּע זאָל זיך אויף אַ האָר נאָר קאָנען באַרויקן, איז עס דען נישט איר מיט־חוב און מיט־אחריות, אַז כאָטש די קולטור, די גייסטיקע שאַפונגען פון די פינף מיליאָן געקוילעטע זאָל נישט מיט פאַרניכטעט ווערן? דאָס איז דאָך יאָ ווענינגסטענס מעגלעך, אָדער זאָל דער „יתגדל ויתקדש שמי רבא!״ די אומשטערבלעכע קדושה און ירושה אין שעה פון געפאַר צוזאַמען אונטערגיין מיט זיי, מיט די שאַפער און קדושים? איז אייראָפּעאישע מאָדערנע קולטור אַבסאָלוט נישט מער פאַרפליכטעט ווי אייראָפּעאישע מאָדערנע פּאָליטיק? . . .

און וואָלט עס דען נישט געוועזן נאָך גרויליקער און גורלדיקער אפשר ווי דאָס אויסראָטן אַ טייל פונם פאָלק, אַז פון דער בלוטיקער טראַגעדיע זאָל נאָר איבערבלייבן אַ וויינענדיק קינדער־געקוילע־מאָטיוו, נאָך אַ סענטימענט פאַר די מאַסן, ווי דאָס אייביקע קוויקנדיקע מאַמע־מאָטיוו? . . . און אָן רעאַלע און נאַטירלעכע מעגלעכקייט און אָן מאַטעריעלן באַזיס איז עס אַנדערש נישט מעגלעך. קולטור איז „וחי בהם״! מאָדערנע געפאָרעמטע קולטור פון אַ פאָלק קאָן נישט געשאַפן ווערן פון יחידים־מאַרטירער, פון תענתים־קינסטלער; פון פאַסטן און סגופים קאָן מען אפשר קומען צו הויכע רעיונות, צו טיפע דמיונות, צו הימלישע וויזיעס — זיי צו פאָרמען, ביידע, די וויזיעס און די דמיונות איז „לא בשמים היא״, מוז מען שטיין מיט ביידע פיס אויף דער ערד, פון איר גופא, פון דער ערד, מוז מען זיי אויספאָרמען. פון מאַרטירער שאַפן זיך לעגענדעס, און אונזער מאַרטירערטום איז איצט אַזוי גרויס, אַז מיר מוזן האָבן



ריינע מענטשלעכע קינסטלער, וואָס זאָלן פאָרמען גרויס אונזער מאַרטירערטום, אונזער „בדמיך־חיי״־לעגענדע — — — אָ, ווי אונזער פאַרגאָסן בלוט גליווערט און ציטערט געפאָרעמט צו ווערן איצט איבערן גאַנצן ערד־קיילעך! זאָל עס אונטער די קערצנדיקע, פאַלשע שטעך־שטיוועלעך פון גלענצנדיקע און גרילצנדיקע פּאָליטיקער צעטרעטן ווערן ווי אונזערע מיליאָנען לעבנס אונטערן געגנאָגלטן שטיוול פון רוצח?

און אויב אייראָפּעאישע מאָדערנע קולטור איז נישט מער פאַרפליכטעט ווי אייראָפּעאישע מאָדערנע פּאָליטיק, דאַן פאָדערן מיר פון איר גאָרנישט — קאָנען מיר נאָר אויסדריקן אונזער טיפן מיטלייד צו ביידע . . .

אָבער סאָוועט־רוסלאַנד, ווי אַ מאָדערנער אייראָפּעישער קולטורשטאַט, האָט עס די ערשטע אַנדערש באַוויזן! און צוזאַם מיטן גענעץ קעגן אַנטיסעמיטיזם גיט זי אויך שוץ און שטיצונג פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור און קונסט. פאָדערן מיר עס איצט דאָס ערשטע ווי דאָס צווייטע פון יעדן שטאַט. און נישט נאָר שיצט דער דערמאָנטער געזעץ אונזער לעבן נאָר דער שטאַט אַליין ווערט מיט באַשיצט, און מיטן באַשיצן אונזער יידיש שאַפן און קולטור, ווערט אויך קולטעווירט דאָס שאַפן פון די פעלקער. די פאָדערונג איז נישט נאָר פון אונזער יידישן שטאַנדפּונקט אַליין, נאָר פאַרן פאָרטשריט פון אַ פּראָגרעסיווער שאַפנדיקער מענטשהייט.

א. נ. ש.

משה עובד

## דער גלות־גאון

ווי ירושלימס טלית, אונזער נאַציאָנאַלע פאָן,
ווי אַ בלאַט גמרא, אונזער גלות־גאון.
ווי די משנה שיינט זיין שטערן אַ חיות!
ווי רש״י־כתב — אויגן מיט רמזים ווינקן און פינקלען,
ווי מהרש״א און תוספות באַמבעלען געקרייזלטע פאות,
ווי מפורשים ברעמען און באָרד טייטלען צו אַלע ווינקלען.

מאַכט זיך צווישן די פאות,
אַ פּלפּולדיקע פלוגתא, אַ חלוקי־דעות,
דאַן שמידן ווי העמער זיינע שלייפן
אַרום די צעזעגטע אויגן שוואַרצע רייפן.

און ער נעמט זיך צו די כלים צו געפינען אַ פשרה,
צווישן ביידע צדדים פון זיין בלאַט גמרא,
ער רייסט איין וועלטן מיט הענט, וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן,
ווי אַ גיבור געפענטעט אין פאַרפּלאָנטערטע קייטן.

ער שאַלט מיט זיין שופר־נאָז
אַ גיגאַנטיש־גאונישן בלאָז,
ס׳ברעכט אויס אַ שטורם אין ים־התלמוד
אַ געוואַלד!
אַ מלחמת־יה אין דזשאַנגעל־וואַלד.

ער איז מרעיש עולמות אונזער גלות־גאון,
וואַרפט זיך אַריין אין שלאַכט, ווי אַ געביסענער האָן!
מה קמשמע לן?!
אַ פראָסטער קל וחומר! עיין שם!
ער שרייט אויף זיך שור! חמור! גולם!
טיפש וואָס דו ביסט! שוטה איינער!
ער שליידערט מוח־שפּאַלטנדע
פסוקים און פוסקים אויף גדולים
ווי דוד המלך שטיינער.

אַזוי האַלט מלחמה מעת־לעת־שעהן
דער וועלט־קאָפּ פון אונזער גלות־גאון
ביז אַן אויסגעמאַטערטער קרעכצט ער אָפּ „איי! איי! איי!"
פאַרשטאָפּט מיט אַ שניפּטאַבעק זיין נאָז־ציירײַ,
זיין פּתח־מויל אָטעמט אויס אַ תענוגדיקן „אַהה!"
און צווישן קריגערשע גרענעצן ווערט שלום, שטיל,
פּתח־שין — שאַה.

ווישט ער אָפּ פון שטערן די קרישטאָלענע קרעלן,
אַ הייטל פון פרייד פאַרשפרייט זיך אויף שפּיץ נאָז,
זיינע ציין ווי מצבות קווענלן
פון מנוחה צווישן די מחנות פון אל צבאות.

שטעלט ער זיך אויף פאַרקניפּט דעם גאַרטל פעסטער,
אין אַלע שרעק און שלעק פאַרגעסט ער,
ער פילט ער איז אַן אַרומגעוויקלט ספר־תורה
און די גאַנצע וועלט, דער ארון קודש פון בורא.



מ. אַלטמאַן

# סטעפּ־יידן

1

בעסאַראַבער ערד האָט אַ שם. עס איז ערד פעטע, געבענטשטע מיט פרוכטבאַרקייט. זומער־צייט איז דער גרעסטער טייל בעסאַראַביע באַדעקט מיט וועלדער פון פּאַפּשויעס, וואָס וואַקסן העכער פון אַ מענטשלעכן וואוקס. לאַנגען מיט גאָלדענעם ווייץ לויפן ביז צום האָריזאָנט. און פאָרסטו מיט דער באַן, אָדער אַ לענגערע צייט מיט פערד, באַמערקסטו אָט די דרומדיקע און מערבדיקע משופּעס פון די זאַנפטע בערגלעך ווייַנגערטנער. זיי פאַרנעמען אויך גרויסע שטחים פלאַכן באָדן. אין צפון און אין מיטל־בעסאַראַביע טרעפט מען געדיכטע וועלדער, דרומדיקער—גאַנצע נוס־וועלדער און פרוכט־סעדער אומעטום. אַ געבענטשט לאַנד.

און דאָך איז נישט אומעטום אין בעסאַראַביע אַזאַ שפע־פולע ערד. פאַראַן ערטער גאַנץ מאַגערע. די ערד איז דאָ ליימיק רויט, ווי אין דער דאָברודזשע, וואָס פון יענער זייט טינע. די דאָזיקע אָרעמע פלעקן ליגן טאַקע נעענטער צו דעם טייל, וואָס ציט זיך צו דער טינע, עס איז—„נייַ־בעסאַראַביע".

דאָך אַזוי, אונטער געטרייער ליבשאַפטפולער פּראַצע פון פלייסיקע הענט, גיט אויך די ערד אָפּ פאַר דער אַרבעט. און יענע, וואָס וואוינען אויף איר, וועלן זי נישט פאַרבייטן אויף קיין אַנדערע. עס איז דער כח פון היימלאַנד, פון צוגעוואָקסנקייט צום באָדן.

אין איינעם אַ ווינקל פון יענע מקומות, אין דער נאָענטקייט פון אַ גרויס גאַגאַוציש דאָרף, דאָס הייסט פון אַ דאָרף, וואָס איז באַוווינט פון באַלגאַרן, וועלכע רעדן טערקיש, האָט זיך געפונען אַ קליינער יידישער ישוב פון וועלכע פינף און צוואַנציק־דרייסיק משפּחות. ווי אַזוי דער ישוב האָט זיך געשאַפן—דאָס געדענקט ניט קיינער. אפילו ניט די עלטערע לייט, ווייל כאָטש ס׳איז געווען אַ קליינער ישוב האָט ער פאַרמאָגט זיינע עלטערע לייט, מיטעליעריקע און יינגע און, פאַרשטייט זיך, קינדער. די אַלטע לייט האָבן נאָך געדענקט „דעם טערק", געהאַלטן אין דערציילן מעשות פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה, און אָסמאַן־פּאַשאַ.

די מיטעליעריקע און די יונגע זיינען שוין די מעשות נישט אָנגעגאַנגען. אָבער טערקיש האָבן אַלע גערעדט ווי אַ וואַסער, פּונקט ווי די גאַגאַוצן פונם שכנותדיקן דאָרף.

עס ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע יידן זיינען גאָר אַלטע בעסאַראַבער תושבים, ווייל אויך זייערע פאַמיליען־נעמען זיינען נישט ענלעך צו די נעמען, וואָס מען טרעפט געוויינלעך צווישן יידן אין בעסאַראַביע. די דאָזיקע נעמען

די דערציילונג פון מ. אַלטמאַן באַקומען פונם סאָוויעטישן פּרעסע־דעפּאַרטמענט.

שטאַמען על־פּי־רוב פון טערקיש, ווי „קוטשוק“, וואָס איז טייטש אויף ייִדיש — אַ קליינער, פון קליינעם וואוקס;

דאָס שטערט נישט, אַז אַלע זאָלן רעדן אַ גוטן ריינעם מאַמע־לשון. דאָס ייִדישע לשון האָבן מסתמא אונטערגעהאַלטן די שנורן, וועלכע מע פלעגט ברענגען פון די נאָענטסטע שטעטלעך, און דאָס נאָענטסטע שטעטל איז געלעגן אַ וויאָרסט זעכציק פונם ישוב.

שנורן האָט מען געמוזט ברענגען פון דער פרעמד, ווייל איבער עפּעס אַ סיבה, וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט מעגלעך צו דערקלערן—די אָרטיקע תושבים האָבן עס דערקלערט מיטן וואַסער, ס׳הייסט דאָס וואַסער איז דאָ אַזוינס—האָבן זיך דאָרטן געמערט ייִנגלעך. ס׳איז שוין דאָרטן געווען אַ מין חזקה אויף זכרים. וואָלט מען נישט געווען אַזוי געענגט אין פּלאַץ, וואָלט דער ישוב מסתם געווען מיט דער צייט אויסגעוואָקסן. אָבער אין די צאַרישע צייטן האָט מען דאָס דערפל נישט געטאָרט אויסשפּרייטן. פלעגן די איבעריקע קינדער אַרויספאָרן אין די שטעטלעך: ס׳רוב פלעג מען די טעכטער אויסגעבן אין די שטעט אַריין און שנורן ברענגען פון דער פרעמד. עס פאַרשטייט זיך, אַז די שנורן האָבן געמוזט זיין פון אָרעמען שטאַנד, ווייל וואָס פאַר אַ פאַרמעגלעך מיידל וועט גיין וואוינען אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם עק, צווישן „טערקישע ייִדן“.

ביי די „ייִדישע טערקן“ האָט עס, ווייזט אויס, נישט אויסגעמאַכט. די מאָגערע מיידלעך פון אָרעמען שטאַנד פלעגן זיך ביי זיי גיך פאַריכטן, באַקומען רויטע באַקן און אַלצדינג, וואָס אַ פרוי, וועלכע וויל געפעלן דעם מאַן, דאַרף פאַרמאָגן. ייִנגלעך האָבן זיי געהאַט פונקט ווי די גרויסע נגידות־טעס, און אפשר נאָך מער.

פאַרנעמען פלעגן זיך די ייִדן מיט פּאַכטן ערד און באַאַרבעטן, אַמיינסטן נאָרטנוואַרג, אָבער דער עיקר זיינען געווען שאָף. זיי האָבן געהאַלטן שאָף, געהאַט שמויסלעך, מ׳האָט געדיבעט פעל און גענייט פּעלצן. זיי האָבן אויך פאַרמאָגט קליינע וויינגערטנער. אַ ביסל האָט מען צוגעהאַנדלט מיט די גאַנאַוצן. און כאָטש די דאָזיקע האָבן געהאַט אַ שם פון גאָרגלשניידער און צווישן זיי און די שכנותדיקע דייטשישע קאָלאָניעס פלעג קומען צו סכסוכים, אָבער מיטן ייִדישן דערפל האָבן זיי געלעבט בשלום און ס׳האָט קיינער נישט געדענקט, עס זאָל זיך מאַכן אַ איבערפאַל אָדער אַ קריג, סיי אין גרויסן, סיי אין קליינעם. מלוכות האָבן זיך געביטן און דער ישוב איז געבליבן ישוב.

נאָכן רוסיש־טערקישן קריג, ווען ניי־בעסאַראַביע איז געווען פאַריייניקט מיט אַלט־בעסאַראַביע, איז דאָס דערפל געבליבן ניט גערירט. ערשט אין די צייטן פון גזירת־איגנאַטיעוו האָבן זיך די ייִדן דערוואוסט וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס מע רופט „פּראַוואָזשיטעלסטוואַ“. נישט אַלע האָבן אָפּגעהיט די אַלטע דאָקומענטן, און דער ישוב איז געוואָרן שיטערער. דערצו האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נעמען אין סאָלדאַטן און אַזוי ווי ייִנגלעך איז געווען אַ סך, האָט דער קליינער ישוב געשיקט סאָלדאַטן אין דער צאַרישער אַרמיי. די בחורים פלעגן



געשיקט ווערן קיין כעלם, קיין קרעמענעץ, קיין וואַרשע. צוריק איז מען געקומען מיט אַנדערע השגות, אַ טייל האָבן מיטגעבראַכט פון דאָרטן ווייבער. בשעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה האָט דער ישוב בייגעשטייערט מיט בלוט, און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען שוין דאָרט געווען אַ סך אַלמנות, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעצויגן אין די שטעטלעך אַריין.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די רומענער האָבן פאַרכאַפּט בעסאַראַביע, האָט דאָס דערפל געטיילט דעם גורל פון דעם גאַנצן לאַנד, וואָס צווישן פּרוט און דניעסטר. דאָך איז דאָס לעבן געגאַנגען זיינוועגס. מען האָט געפּאַכטעט פעלד, געהאַלטן שאָף, געמאַכט ברינדזע, געדיבעט פעל און אַ ביסל צוגעהאַנדלט מיט די גאַנאַוצן. דאָס יונגוואַרג אַנשטאָט צו פאָרן קיין כעלם, קיין קרעמענעץ”, קיין וואַרשע, האָט געדינט אין באַקאַו, אין ראָמאַן, אין טראַנסילוואַניע אויף דער רומעניש־אונגאַרישער גרענעץ.

צו יענער צייט האָט דאָס דערפל געציילט אַ 25-30 משפּחות, צווישן וועלכע די וויכטיקסטע — די קוטשוקס און די כערזאַס, אָדער כאַרזאַס.

פון די קוטשוקס האָט נאָך געלעבט דער אַלטער שעיה, דער עלטסטער ייִד אינעם ישוב. אויף אים האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַלט 100 יאָר. אַנדערע האָבן אפילו געשאַצט מער. פרעגט מען אים, רוקט ער אַראָפּ דאָס קאַשקעטל איבער די אויגן, זעט מען נאָר לויט די באַוועגונגען פון די פּנים־מוסקולן, אַז ער שמייכלט. קיין סך ריידער איז ער קיינמאָל נישט געווען. ער האָט איצט אויף דער עלטער געטראָגן שטיוול אפילו אום זומער, די הויזן אַריינגעלאָזט אין די שטיוול, אַ קורץ יעקל, און—וואונדער איבער וואונדער!—אַ ווייס געקראָכמאַלעט העמד מיט זאַפּאָנקעס. ער איז געווען שווידקע ווי אַ ייִנגל, געגאַנגען מיט איין אַקסל אַ ביסל אויסגעבויגן גלייך גרייט אונטערצושפּאַרן און אויפצוהויבן אַ וואָגן, אָדער אַריבערוואַרפן אַ קעלבל, צי אַ שאָף.

דער עולם, זעענדיק זיין גאַנג, גאַפּט. מע שפּרעכט אים אָפּ: קיין עין־הרע.

נישט נאָר דאָ, אין היימישן דערפל, נאָר אין די דערפער און שטעטלעך אַרום פלעגן הערציילן חידושים וועגן זיין אַמאָליקע גבורות. עס האָבן דערציילט מאָלדאַוואַנער און ייִדן, ער זאָל האָבן אַמאָל מיט די בלויזע הענט דערוואָרגן אַ געזונטן גרויסן וואָלף.

פרעגט מען דעם אַלטן, פלעגט מען באַקומען דעם זעלבן ענטפער, ד.ה. ער ענטפערט נישט, נאָר טוט אַ רוק דעם קאַשקעט און שווימט אַוועק.

זיין בעסט פאַרגעניגן איז געווען אַ פערד און וועגעלע אָדער אַ פערד אָן אַ וועגעלע. אַז ער פאָרט רייטנדיק, גאַפּט ווידער דער עולם. ער כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ מאָגער פערד אָן אַ זאָטל. אַ יונגער וואָלט זיך אָנגעקוועטשט וואונדן און ער — גאָרנישט, גלייך ער זיצט אויף אַ קישן.

רופט אים דער עולם: דער אַלטער טערק.

דער אַלטער טערק איז דער בעסטער פאָרער אינעם דערפל. עס מעג זיין די גרעסטע זאַווערוכע, וועט ער נישט בלאָנדזשען. עפּעס אַזאַ ניוך האָט

ער אז ער שמעקט אָן דעם וועג. נישט פֿאַראַן ביי אים קיין צייט פון נישט קענען פֿאָרן: פינסטערע נעכט, פֿאַרנעפּעלטע נעכט, שניי־שטורעמס, ביי אים איז עס „נעכטיקער טאָג" — זיין באַליבטע מימרא אפשר די איינציקע, וואָס ער באַנוצט זי גערן.

ווי די אַנדערע, האָבן די קוטשוקעס זיך צעשאָטן. א טייל איז אַוועק אין די שטעט, אַנדערע האָבן אפילו דערלאַנגט קיין אַמעריקע. דאָך איז פון זיי פֿאַרבליבן מערער ווי פון די כערזאָס. די לעצטע האָבן פון א צייט אָנגע־הויבן געמינערט ווערן, און משה־אהרן, דער וואָס איז צוריק געקומען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט איין האַנט א געזונטער און מיט דער צווייטער א לא-יצלה, כאָטש אזוי אויפן אָנקוק איז זי גאַנץ. משה־אהרן האָט שוין גאָר קיין קינדער נישט געהאַט.

געווען א צייט, ווען דאָס דערפל האָט זיך געהאַט גוט באַפעסטיקט אויף דער ערד. דאָס איז געשען דעמאָלט, בשעת די רומענער האָבן גענומען איבער־וואַרפן פויערים פון דעם גערדיכט באַפעלקערטן צפון־בעסאַראַביע אין דעם שיטערן מיטל־און דרום-בעסאַראַביע. דאָס האָט געזאָלט ראַטעווען די פּריצים פון די אַפּעטיטן פון די פויערים, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט ווייניק ערד. איז, דאַכט זיך, ווערליק דעם שכל הישר, גרינגער געווען אַריבערצעוואַרפן די פּריצים, אויב ס'איז אזוי נייטיק זיי זאָלן בלייבן און מען קען זיך אָן זיי נישט באַגיין? . . . איז אָבער ניט שייך צו פֿאַרלאַנגען שכל הישר דאָרטן וואו ער קען נישט זיין. מען האָט די פויערים צוגעזאָגט גרויסע שטחים לאַנד און אָן א שיעור גליקן, אָבער אז די פויערישע שליחים זיינען אָנגעקומען אויף דעם אָרט, וואו סע האָט זיך געפונען דאָס יידישע דערפל און זיי האָבן דערזען די רויטע, מאַגערע ערד, האָבן זיי, די געוואוינטע צו דער פעטער צפונדיקער שוואַרצע ערד, זיך מיישב געווען, זיך באַרעכנט, אז ס'איז בעסער איין העקטאַר היימישע איידער פינף דאָ. דערצו האָט זיך גראָד געמאַכט, אז זייערס א פּריצל, א פאַרפּוידעטער אין חובות האָט געזוכט קונים אויף זיין פעלד, האָבן די שליחים פאַרקויפט די ערד צו די יידן פונם דערפל, אהיימגעפאָרן און אָפּגעקויפט דאָס פעלד ביים זשוליקאַוואַטע פּריצל.

ביים קויפן דאָס פעלד האָט זיך דאָס דערפל פאַרזעצט און פאַרמשכנט, אָבער דערפאַר זיך א נעם געטאָן מיט ברען צו דער אַרבעט. מע האָט פֿאַר־פלאַנצט וויינגערטנער, סעדער, געמאַכט גערטנער, פאַרן אייגענעם געברויך וועגן געזייט ווייץ און גערשטן. נאָר דער עיקר זיינען געווען די שאָף. צווישן די שאָף האָט מען צוגעקליבן די רויטלעכע, יענע, וואָס האָבן רויטלעכע לעמעלעך מיט די אין בעסאַראַביע חשובע „ברומעריע" פעלעכלעך. אונטער די פלייסיקע געניטע הענט, וואָס זיינען געווען אויסגעקאַכטע מיטן באָדן, האָט די רויטע ערד אָנגעהויבן גיבן גוטן ווייסן וויין די שאָף האָבן געבראַכט רויטע לעמעלעך און געגעבן פעטע מילך און פון דער מילך האָט מען געמאַכט אַלע זיבן גוטע זאַכן, וואָס בעסאַראַבער און נישט-בעסאַראַבער האָבן ליב: קאַש, ברינדזע, הורדע, און צו אַלעמען — זאָל עס זיי צו קיין בושה נישט זיין — האָט מען מגדל געווען חזרים...



דער שוחט, וואָס איז געווען אויך חזן און רב און מלמד, האָט זיך אפילו מצער געווען, וואָס יידן מוזן צוליב פּרנסה־וועגן מגדל זיין חזרים, דערפֿאַר האָט ער זיך געטרייסט, אז די יידן פונם ישוב זיינען יגיע כפּים, אז שונאים קאָנען זיי גאָרנישט אויסוואַרפן, פֿאַרקערט, אָט קומט די צייט פון אָראָפּ־נעמען די טרויבן קומען גאַנצע פֿאַרזוכן, מען מאַכט פֿאַר זיי א סעודה, עפּעס נאָר ווי אין די צייטן פונם חומש. און אז ער האָט געזען, ווי מ'איז זיך מטפּל מיט די שאָף, אשטייגער, ווען מע שערט זיי האָט ער שוין געזען אינגאַנצן דאָס חומש פֿאַר זיך. עלעהיי די אבות, עלעהיי יהודה... האָט ער אַוועק־געקוקט פון די חזרים און געקוקט אויף די שאָף. און סוף־כל־סוף גובר געווען דעם מידת־הדין אָן איינגעפונען, אז חזרים זיינען אויך גאָטס-באַשעפענישן, און אויב יידן ציען דערפון פּרנסה, איז גלייכער זיי זאָלן זיך מערן.

זיי האָבן זיך געמערט . . .

צבי ארנשטיין

## דער עם-הספר און דאס ענגלישע יהודים-טום

אז מיר יידן האַלטן זיך פֿאַר אַן עם הספר איז דאָך לית מאַן דפליג, און ניט נאָר מיר יידן נאָר אויך די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט באַטיטלען אונז מיט אָט־אָ־דעם דאָזיקן שם המפורש. ס'איז דאָך א טאַטזאַך, אז די יידן זיינען דאָס איינציקע אמתע פֿאָלק אין דער וועלט וואָס האָבן נאָך מיט פיר טויזנט יאָר צוריק דער אַלגעמיינער וועלט א מאָנומענטאַלע קולטור און וועלט אַנשויאונג געגעבן. ס'איז אָבער א טעות צו מיינען, אז דער נאָמען עם הספר מיט דער ה' הידיעה, באַציט זיך אויסשליסלעך נאָר אויפן ספר־הספרים אויפן תנ"ך. אויך די העברייאיש־יידישע ליטעראַטור און אַלע אַנדערע גייס־טיקע יצירות און שאַפונגען פון יידן אין אַלע אַנדערע שפּראַכן גייען אריין אין די ראַמען און אינם שטח פונם עם הספר.

דער ספר הספרים איז געווען און איז נאָך היינט דער אורשפּרונג און אימפּולס פון אַלע ספּעציפיש יידישע קנינים און ווערטן בכלל, און פון אַלע אוניווערזאַלע קולטור אוצרות בפרט. ס'איז „מלא כל הארץ כבודו". לכאורה דאַכט זיך אז ס'איז לחלוטין גאָר נישט פֿאַראַן קיין גרעניצן און סייגים, און אז "כל הרוצה ליטול את השם בא ונוטל". ס'איז אָבער בעצם גאָר נישט אזוי פּשוט, ס'איז לחלוטין גאָר נישט הפקרדיק. דער עיקר העיקרים איז טאַקע נאָר „כרמי שלי", אונזערע אייגענע קולטור יצירות. און כדי צו זיין ראוי לאותה איצטלא, צו זיין ווערט אָנגערופן צו ווערן מיט דעם אויבינגן נאָמען, איז עס טאַקע נויטיג צו פלעגן און שאַנעווען, שפּינען די גאָלדענע קייט פונם ספּעצ־ציפיש יידישן ספר, זיין פּראָדוקטיוו און שעפעריש אויפן באָדן פון העבריי־איש און יידישער קולטור, וואָס איז דער המשך פונם אָריגינאַלן ספר הספרים. אויב נישט, בלייבט דער נאָמען עם הספר, א „שם שנתרוקן מתוכנו", א פּוסטער ליידיגער באַגריף אָן א תוכן און אָן א אינהאַלט.

ווי אזוי זעט עס טאַקע אויס אין דער ווירקלעכקייט? וואָס פֿאַר א באַ-

ציאונג האָבן אונזערע ענגלישע אָדער פאַרענגלישטע יהודים לגבי די אויבענ־דערמאָנטע ענינים? ווי אזוי פאַרהאַלטן זיי זיך צו די העברייאיש־יידיש נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פונם עם הספר? פראַגן וואָס שטייען היינט אַקטועל אויפן סדר היום. זייער יחס צו אַט־אָ־די ברענעדיקע פראַגען איז פשוט אַ נעגאַטיווער, אַ בטולדיקער. מילא יידיש איז דאָך שוין אָפּגערעדט, דאָס איז דאָך לחלוטין גאָר קיין שפּראַך נישט — אַ גלותדיקער „זשאַרגאָן"... אַ „קוידער וועלש". און דאָס איז אַלץ. איז וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די אזוי נענאַנטע יהודים צו אַזאַ „אָפּגעלעבטן גלותדיקן ענין"? אַריינברענגען אַ „זשאַרגאָן" צווישן די נאָבעלע אַריסטאָקראַטישע יהודים? חס וחלילה! אפילו אַ „סערמאָן", אַ דרשה אין דער יידישער שפּראַך אין אַ יונייטעד סינאַגאָג, איז, הס מלהזכיר! ממש אַ חלול הקודש. און העברייאיש? דאָס איז אפילו יאָ אַ שפּראַך, אָבער אויך נישט צוגעפּאַסט פאַרן חנוך פון די יהודימשע קינדער. פאַר ארץ־ישראל, מהיכי־תיתי. יאָ, אַלס אַ סוראָגאַט, אַן ערזאַץ פאַר די אויבענדערמאָנטע יידיש פאָלקסטימלעכע קנינים און ווערטן, פאַרנעמט דאָס לשון קודש אין די באַגרענצטע ד׳ אמות פון דער סינאַגאָג אַ גאַנץ נישקשהדיקן אָרט, אָבער, רק לנוי, לשם דעקאָראַציע, ווייל צו זיין באַהאַוונט אין די לשון הקודשדיקע „אותיות זעירות", שוואַרצע פּינטעלעך, איז גאָר נישט נויטיג. „שמע בכל לשון שאתה שומע". פאַר אַ נויט קען מען זיך אַ עצה געבן, מען קען זיך אַרויסהעלפן מיט דער ענגלישער איבערזעצונג פונם טשיף־רבים סדורל, וואָס אין אים איז אַלץ אַראַנזשירט און צוגעגרייט כהלכתו. „זה לעומת זה", אין איין זייט לשון הקודש און אין דער צווייטער, ענגליש... און אויב איינער וויל זיך באַקענען מיט דער שיינער פּרעכטיקער פּאָעזיע פון דוד המלךס מאַיעסטעטישער נאַטור שילדערונג אין „מזמור לדוד", זאָל ער מוחל זיין אַ קוק טאָן אין דער צווייטער זייט, וועט טאַקע כהרף עין, ממש על רגל אחת, אַלץ קלאָר און דייטלעך ווערן. און אַז אַ אבל, ר"ל, איז נישט אַזאַ רגיל אָפּצוזאָגן זיין קדיש פונם אָריגינאַל, איז מה רעש? איז שוין פאַראַן אַ צונויפגעסטריגעוועטער צוגעגרייטער קדיש, אין לאַטיינישע בוכשטאַבן, און אַלץ איז כשורה...

אויפן חנוך געביט אַרבעט מען אויף אַלע כלים, טאַקע „בחצוצרות וקול שופר". מען רופט צענויף פון צייט צו צייט קאָנפערענצן, מיטינגס. מען גיט אַרויס קול קוראס, מען דעבאַטירט בנוגע פאַרשיידענע פּעדאַגאָגישע פּראָב־לעמען און פראַגן. ס׳איז, ליהודים... און אַלץ צוליב דעם יינגן דור... אָבער וואָס איז דער פועל יוצא? וואָס פאַר אַ ידיעות אין לשון הקודש פאָדערט מען פון אַ בר מצוה בחור?

די יונייטעד סינאַגאָג האָט נאָך פאַר דער איצטיקער מלחמה אַרויסגע־געבן אַ מאַקסימום פּראָגראַם פאַר אַ בר מצוה בחור, וואָס אַזאַ איינער באַדאַרף צו וויסן כדי צו זיין צוגעגרייט צו זיין בר מצוה פייערונג, און אויפגענומען צו ווערן אַלס אַ „מעמבער" אין דער „יונייטעד סינאַגאָג". אַזאַ בחור באַדאַרף צו זיין אַ בקי אין איבערזעצן אין ענגליש דריי קאַפּיטלעך חומש (נאָך זיין



אייגענער אויסוואַל), אַ „עמידה" (שמונה עשרה) מעג זיין זיבן ברכות, (נאָך זיין אייגענער אויסוואַל) קריאת שמע, והיה אם שמע, די ערשטע דריי פּאַראַ־גראַפן פון ברכת המזון, מפטיר און הפטורה, אַ ביסל געשיכטע און אַ געוויסע צאָל פון דינים. אויב ער קען דאָס אַלץ איז ער אַ „פּערפעקט דזשו", ממש אַ „תלמיד חכם". דאָס איז אָבער נאָר להלכה, אין דער טעאָריע, אין דער פּראַקסיס, איז ער אין דעם אויך נישט באַהאַוונט. נאָר נישקשה, דער עיקר איז טאַקע נאָר אַז ס׳איז אין דער בחינה פון „בצפצוף מצפצפים", שיין אַראָפּגעזינגען דעם מפטיר מיט אַ קלינגנדיק קולכל און פאַרענדיקן מיט אַ הויכן פינאַל. נאָך דעם וואָס דער לעקער האָט פאַרענדיקט אַט־אָ־די מלאכה פון „מפטיר און נפטר", זאָגט מען אים גלייך „לך־לך"... „דער מאָאַר האָט זיינס געטאָן דער מאָאַר קען גיין"...

וואָס דער עם־הספר האָט צו דערוואַרטן פון אַזאַ יהודימשן חנוך לאָז איך איבער צו דער באַאורטיילונג פונם לעזער.

---

הרב דוב וואַרשאַווסקי

## פאַרוואָס דוקא אַ חרם אויף דייטשלאַנד*)

(צווייטער בריוו צו די רבנים און יידישע פירער)

„. . . מיר האַלטן נישט פון „חרם", די טויטע וועלן מיר שוין נישט לעבעדיק מאַכן, מיר דאַרפן העלפן די לעבנגעבליבענע..." אזוי זאָגט צו מיר אַ סעקרעטאַרל פון איינער פון די צדקה־גדולה־חברהלעך.

ס׳איז באמת שווער צו באַגרייפן דעם אַרט דענקען פון די דאָזיקע סעקרעטאַרלעך! מיינען זיי טאַקע, אַז נאָר זיי זיינען די בעלי רחמנות אויף הונגעריקע און נאַקעטע מענטשן? וואָס הייסט, איז טאַקע דאָ אַ ייד וואָס זאָל זיין קענגן צו שיקן אַ שטיקל ברויט אָדער אַ פּאָר הויזן צו אַ ייד דאָרט אין פּוילן, אויב מ׳זאָל נאָר וויסן אויף זיכער, אַז דער ליידנדער וועט די אַלע זאַכן באַקומען?...

ניין, נישט אין דעם גייט עס. דער מאָטיוו פון אונזער קעגנערשאַפט צו דער דאָזיקער אויסגעבויטער פּילאָזאָפיע פון אונזערע בעלי צדקה איז אַ פיל טיפערער, ערנסטער. עס שטעקט אין דעם דערמאָנטן ענטפער אַ גרויסע סכנה און גרינג־שעצונג צום יידישן פאָלק אַלס נאַנצעס. ערשטנס האַלטן מיר, אַז דער גרויסער טאַראַראַם אַרום דער צדקה־פושקע האָט שוין געבראַכט מער שאָדן ווי נוצן. אָט למשל לייען איך לעצטנס אַ באַריכט אין דער י.ט.א. אַז

---

*) מיר געבן מעגלעכקייט הרב וואַרשאַווסקין אויסצודריקן זיין באַרעכ־טיקטע מיינונג, אָבער מיר זיינען נישט זיכער, אַז „דוקא אַ חרם" איז דער יידישער סימבאָלישער צייכן וואָס דריקט אויס דעם ריכטיקן און אַדעקוואַטן פּראָטעסט און איז צוגעפּאַסט פאַר אונזער איצטיקער עפּאָכע.

באריכות אין קומענדיקן העפטל!

די יידן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דייטשלאַנד באַקומען נישט קיין פּעקלעך פון רעד־קראָס אין דער צייט ווען אַלע נישט־יידן באַקומען יאָ. אפנים, זיי האַלטן, אַז די יידישע נצרכים וועלן שוין באַזאָרגן די יידישע כלל־טוער, אָבער דער פאַקט איז אַז קיין יידישע שטיצע ווערט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן דערווייל נאָך נישט צוגעלאָזט. אונזער עצה איז, אַז מיר זאָלן דעם ענין פון שטיצע איבערלאָזן צו די פאַראייניקטע רעגירונגען. זיי וועלן דאָס בעסער און גיכער מאַכן. זיי האָבן די מיטלען דערצו. און אויב מען דאַרף קענען זיי דאָס באַזאָרגן אין איינציקע שעה מיטן עראָפּלאַן ווי אין האָלאַנד. די יידישע כלל־טוער און פירער דאַרפן מער נישט שטיין אויף דער וואַך און זען, אַז די עטלעכע טויזנט לעבנגעבליבענע יידן זאָלן האָבן זייער חלק ווי די נישט־יידן.

דאָס ערגסטע אָבער וואָס איך וויל דאָ אַרויסברענגען איז, אַז דורך דעם פאַבריצירטן „קוויטש“ אַרום די לעבנגעבליבענע איז מען עלול צו פאַרגעסן אין גאַנצן אָן די מיליאָנען קדושים, און אָפּצעווישן זייער געדעכעניש. עס פרעגט זיך: ווי אַזוי קענען מיר טענות האָבן צו די גוים פאַרוואָס זיי פאַרטושן אונזער טראַגעדיע און שטראָפן נישט די מערדער פון אונזערע קרבנות, ווען אין דער זעלבער צייט פרעדיקן אונזערע אייגענע פירער פאַרגעסונג און פאַרגעבונג? ניין, מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, מיר קענען צוריק לעבעדיק מאַכן די טויטע!

די וועלט־ריכטער קימערן זיך ווייניק וועגן אונז און אונזערע מיליאָנען הרוגים. יעדער בר דעת האָט דאָס געקענט פאָרויסזען. זיי, די וועלט־ריכטער, האָבן נישט פאַרזוכט דעם טעם פון גאַז־קאַמערן, פון שייטערהויפנס און פון תליות. און מיט יעדן טאָג און וואָך, וואָס לויפט פאַרביי וועבט זיך אַלץ מער אויס דער שטאָף פון אַמביציעס און ווינט־הבטחות, דעסטאָ ווייניקער זיינען די שאַנסן, אַז די מערדער זאָלן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף. אַלץ ווערט פאַרגעסן און פאַרגעבן. עס איז מער נישט „נעבעך“ אַ „רחמנות“ אויף יענע דייטשן, וועלכע האָבן זיך צוגעאיילט און גע׳סמט... אומזיסטע שרעק, זיי וואָלטן געקענט לעבן אַ גוטן טאָג, אָט ווי אַלע אַנדערע מערדער...

אויב די וועלט־ריכטער און אפילו אַנדערע געליטענע פעלקער שווייגן— אָבער מיר טאָרן נישט שווייגן. ווייל נאָכאַלעמען זיינען מיר דאָך די אַמ־מיינסטן געליטענע און געטראָפענע. זיי, די אַלע אַנדערע נאַציאָנען ציילן זייערע טויטע, אָבער מיר ציילן דאָך די לעבנגעבליבענע (אויף די פינגער). — ציילן די טויטע וואָלט שוין אפשר נישט געווען אַזאַ טראַגעדיע פאַר אונז אין יעדער מלחמה איז דאָ פאַרלוסטן. ניין, און טויזנט מאָל ניין! מיר טאָרן די מיליאָנען קדושים נישט פאַרגעסן. עס וואָלט געווען אפילו אַ חרפה פאַר די גוים, וועלכע וואָלטן זאָגן: זעט נאָר אַזויפיל יידן אומגעקומען און די יידן אַליין קימערן זיך גאָר נישט וועגן דעם“. עס איז אַ פרינציפּיעלע און לעבן־פראַגע פאַר יעדן ייד. מילא, דער פרומער קען נאָך וואַרטן אויף דער נקמה פון גאָט, אָבער וואָסער סאַטיספאַקציע וועט האָבן דער פרייער—גאָר־



נישט. אויסגעהרגט מיליאָנען יידן, און די מערדער לעבן אַ טאָג, נישט די וועלט שטראָפט זיי, נישט מיר אַליין טראַכטן עפּעס. טאָ ווי קען מען לעבן אין אַזאַ וועלט?...

עס איז קלאָר, אויב די וועלט־ריכטער פאַרשווייגן אונזער עולה—אָבער מיר טאָרן נישט שווייגן. מיר מוזן אַליין אויסמעסטן אונזער שטראָף פאַר די מערדער. און דאָס מיינט אַ ח ר ם א ו י ף ד י י ט ש ל א נ ד ! איך ווייס, אַנדערע פרעגן: איז דאָס אַ גענוגנדע שטראָף?—מסכים, ס׳איז נישט גענוג! וואָלט איך, ווען ס׳איז געמאָלט, געהאַט אַזאַ מין אויפרייס־שטאָף וואָס וואָלט געווען אימשטאַנד אויפרייסן דאָס ערד, וואָס הייסט דייטשלאַנד, ביזן אָפּגרונט און אַלץ פאַרטיליגן, וואָלט איך פאַרמאַכט די אויגן און... מקיים געווען די גרעסטע מצוה אין דער תורה פון מחיית עמלק... איך וואָלט דאָס געטון נישט מחמת ווייל איך בין אַזוי בלוט־דורשטיק, נאָר ווייל עס מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל נעמען אַנעק צו דער הפקרות אין דער וועלט, עס מוז אויפהערן דאָס צאַפּן און פאַרגיסונג פון יידיש בלוט! דער „תמות נפשי עם פלשתים„ פון שמשון הגבור איז נאָך אפילו היינט, אין דער „מאָדערנער וועלט“, דער בעסטער באַלערנטער און ווירקזאַמסטער ענטפער צו אַלע צרות... איך זאָג ח ר ם ווייל דאָס איז דאָס מאַקסימום און מינימום שטראָף וואָס מיר יידן קענען אויסמעסטן. נאַטירלעך, מען קען נישט אויסהרגענען אַלע דייטשן, און אויב אפילו מען וועט שוין אויפהענגען אַ פּאָר מערדער, נו, איז שוין דאָס גענוג? מעגן מיר שוין זיין געטרייסט און באַפרידיקט? חרם איז דאָס העכסטע וואָס מיר קענען דערגרייכן.

דאַן ווידער קומען אַנדערע און טענהן, סטייטש? נישט אַלע דייטשן זיינען מערדער. עס זיינען פאַראַן „גוטע דייטשן“, פאַרוואָס זאָלן זיי ליידן? איז מיין ענטפער—מסכים. איך גיי נאָך ווייטער און זאָג, אַז אַלע זיינען „גוטע דייטשן“. געפינט איר היינט אין דייטשלאַנד עפּעס אַ שלעכטן דייטש, אַ „נאַצי“ בלע״ז? ניין! נישטאָ קיין „נאַצי“ אויף אַ רפואה. אַלע דייטשן טענהן אַז זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און אַז אין אַלע צרות איז שולדיק היטלער. מיר ווייסן דאָך אָבער, אַז היטלער האָט מיט זיינע הענט נישט געהרגט קיין איין ייד. פרעגט זיך דאָך, טאָ ווער האָט פאַרט אויסגעשאָכטן 5 מיליאָן יידן? אַזאַ שחיטה קען דאָך ניט געמאַכט ווערן איבער נאַכט? צו אַזאַ מין הריגה האָט מען דאָך געדאַרפט האָבן טויזנטער און אפשר מיליאָנען תליונים—טאָ ווער זיינען זיי געווען?—טאַקע אָט די „גוטע דייטשן“! איך האָב קיינמאָל נישט גענוצט דעם טערמין „נאַצים“. אָט פונקט ווי היינט זיינען נישטאָ קיין נאַצים, אַזוי איז פריער אויך נישט געווען קיין נ אַ צ י ם נאָר ד י י ט ש ן ! דייטשן פון פאָלק, פון די פראָסטע מאַסן (נישט קיין לאָרדן) וועלכע האָבן געבריינגט היטלערן מיט 15 מיליאָן שטימען צו דער מאַכט. דייטשן אין די מיליאָנען וואָס האָבן געיובלט, און געפּלינדערט, גערויבט און געמאָרדעט. און וואָלט חלילה היטלער געזיגט וואָלטן די „גוטע דייטשן“ נישט איבערגעלאָזט פון אונז קיין שריד

ופליט. וואָס דאַרף מען מער, פּאַסטאָר נעמילער, דער „גוטער דייטש“, וועלכן די וועלט האָט אזוי באַוויינט, ער האָט אויך נישט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון די גאַז־קאַמערן. און דער דאָזיקער „גוטער דייטש“ האָט אפילו „וואָלונטירט“ צו גיין, אַלס סובמארין־קאָמאַנדער, זינקען און טרינקען אומשולדיקע מענטשן אויף די ימים. און בכלל פון זיין בילד („ניוס־קראָניקל“, 6 יוני) קען מען זען, אַז נעמילער דער „גוטער דייטש“ האָט נישט געליטן קיין הונגער (ווי ער אַליין זאָגט) ווי אַלע אַנדערע מאַרטירער. מען זאָגט „גוטע דייטשן“ האָבן לעצטנס געראַטעוועט יידן אין ריינלאַנד.—אמת. איך גיב צו אפילו הימלער האָט פאַר זיין מפּלה ארויסגעראַטעוועט אַ טויזנט יידן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און זיי אדורכגעלאָזט קיין שווייצאַריע,כדי צו ווייזן דער וועלט זיין חזיר־פיסל־כשר . . .

קורץ, אויב ס'זיינען דאָ „גוטע דייטשן“ אדרבה, קען אונז אימיצער אָנצייגן אויף אַ דייטש, וועלכער האָט נישט גערויבט, נישט געמאָרדעט, נישט געשענדעט קיין יידישע פרויען, נישט געפּרעסן קיין יידישע גוטס, נישט אויסגענוצט קיין יידישע שקלאַפן־ארבעטער — איז דאָ אַזאַ דייטש, וועלכן מיר זאָלן מיט זיכערקייט קענען דריקן זיין ריינע האַנט?!... איך צווייפל.

עס איז מהאי טעמא, ווייל מיר האַלטן, אַז אַלע דייטשן האָבן בייגעווירקט צו אונזער טראַגעדיע, דעריבער דאַרף אונזער שטראָף אויך זיין אַ פאָלקאָמע און אבסאָלוטע.

דער **חרם אויף דייטשלאנד** דאַרף באַצוועקן און באַשטימען פאָלגענדעס:

א) אין הסכם מיט אַלע ראַבינאַטן (בית דינס) און פירענדע רבנים פון דער וועלט, דאַרף באַשטימט ווערן אַ טאָג, אין וועלכן אַלע יידן אין דער וועלט וועלן וואַרפן זייער ארבעט, אַלע געשעפטן און פאַבריקן אין יידישע הענט מוזן אָפּגעשטעלט ווערן, און אַלע יידן אין דער וועלט זאָלן זיך, ווי יום־כפור, פאַרזאַמלען אין די שולן, וואו די רבנים געהילט אין טליתים, וועלן מיט שוואַרצע ליכט און שופר בלאָזן אויסרופן דעם **חרם** אויף דייטשלאַנד, אַז קיין יידישע פוס זאָל נישט באַטרעטן דאָס פאַרשאָלטענע לאַנד, קיין יידישער מוח און יידישע האַנט זאָל נישט אויסגענוצט ווערן לטובת דעם דייטשן פאָלק און לאַנד. די רוצחים דאַרפן זיין פאַרשטויסן און פאַרשאָלטן אָט ווי קין נאָכן ברודער־מאָרד. און דער ייד וואָס וועט עובר זיין אויפן חרם וועט אויטאָמאַטיש ווערן אויסגעשלאָסן פון יידישן כלל!

ב) דער חרם באַצוועקט צו שאַפן אַ נייעם סאָרט חסידות, וועלכעס זאָל דורך צער און צאָרן צוזאַמענברייננגען די רעשטלעך פון יידישן פאָלק, וועלכעס זאָל זיי דערהויבן גייסטיק און מאָראַליש, וועקנדיק אין זיי דאָס געפיל פון אחריות פון איינעם צום צווייטן און וועלכעס זאָל אונז צווינגען צו זוכן מיטלען כדי צו פאַרמיידן אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס ווי מיר האָבן אָקאָרשט אדורכגעמאַכט.

ג) מיר מוזן אדורכפירן דעם חרם כדי צו ראַטעווען דעם יידישן כבוד־



גוים זאָלן אונז נישט פאָרוואַרפן, אַז די יידן זיינען די ערשטע, וואָס לויפן קיין דייטשלאַנד מאַכן געשעפטן (איך האָב שוין געהערט אַזעלכע דבורים...) און זיי טוען דאָס, וועלן גוים זאָגן, נישט מחמת יידן האָבן פאַרגעבן די דייטשן, נאָר ווייל פאַר געלט וועלן זיי אפילו פאַרקויפן זייערע טויטע טאַטעס און מאַמעס, און קינדער... און דער ייד וואָס וועט טענהן ער האָט פאַרמעגן אין דייטשלאַנד—טאָ וועלן מיר אים ענטפערן: „דאַנק גאָט וואָס דו לעבסט!“

ד) מיר מוזן אדורכפירן דעם חרם כדי צו געבן אַ פּאַטש אין פּנים די „וועלט־ריכטער“ און „וועלט־געוויסנס“, וועלכע האָבן צוגעלאָזט צו דער יידישער שחיטה, און אַמענגדע לאָזן זיי פריי די מערדער—אומבאַשטראָפט. די אַקציע פון חרם דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וועלט־דעמאָנסטראַציע, וועלכע זאָל צווינגען די וועלט ־ ריכטער און וועלט־דעה־זאָגער צו נעמען אַ שטעלונג צו אונזער ביטערן גורל. איינס פון די ביידע, אָדער זיי געבן צו יידן אַן אָרט אונטערן הימל וואו יידן זאָלן זיך קענען אויסלעבן פריי אָן רדיפות, אָדער די וועלט־ריכטער טוען אויס זייער מאַסקע פון דעמאָקראַטיע, סאָציאַליזם, קריסטנטום און שעכטן אויס דאָס רעשטע ביסל יידן און דאַן וועלן זיי קענען מיט אַ ריינעם געוויסן דינען זייער גאָט...

ה) מיר מוזן אדורכפירן דעם חרם כדי נישט צו פאַראורטיילט ווערן פון דער נעשיכטע און פון די קומענדיקע דורות, וועלכע וועלן פרעגן: נו, און וואָס האָבן געטון די יידישע קיבוצים פון ענגלאַנד, אַמעריקע, ארץ ישראל, א.אַ., מיט וואָס האָבן זיי רעאַגירט אויף די שחיטות?

ו) מיר מוזן אדורכפירן דעם חרם כדי אזוי ארום שטעלן די מיליאָנען קדושים אַן אייביקע מצבה ; נישט פון האָלץ און שטיינער, וואָס ווערט צושטערט, נאָר אַ מצבה פון הארץ און נשמה. אַ מאָנומענט וואָס זאָל זיין איינגעקריצט אין הארצן פון יעדן יידישן מאַן און פרוי, מען זאָל אין די קדושים געדענקן סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, סיי אין שטוב, אין געשעפט און סיי אין וואַרשטאַט. אַלץ וואָס טראָגט דעם שטעמפּל דייטשלאַנד דאַרף זיין טריף פאַר אונז. צו געדענקן אין די קדושים הייסט: נישט צו פאַרגעסן די מערדער, און אום צו געדענקן די מערדער הייסט : נישט צו פאַרגעסן די קדושים. מיר יידן האָבן אדורכגעמאַכט אַ סך פּאָגראָמען און טראַגעדיעס, אָבער מיר האָבן פאַרגעסן די קדושים און די רוצחים. אפילו די קרבנות פון כמעלניצקים באַנדעס, נאָך וועלכע עס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן סליחות און אַ ספּעציעלער תענית (כ' סיון), זיינען אויך פאַרגעסן געוואָרן, נאָר די אינקוויזיציע פון די יעזואיטן געדייקנט יעדער ייד, ווייל דאָס איז אַ דאַנק דעם **חרם פון שפּאַניען**!...

ז) מיר מוזן אדורכפירן דעם חרם, ווייל צי מיר ווילן יאָ צי נישט, מיר די שארית הפליטה האָבן אַ צוואה פון די מיליאָנען הרוגים, וועלכע האָבן פאַר זייער טויט פאַרשאָלטן דאָס רוצחישע לאַנד דייטשלאַנד און אָנגעזאָגט צו נעמען נקמה אין זייערע פייניקער. זייער צוואה איז אזוי הייליק און שטאַרק,

אז אפילו גאט אליין קען איר נישט מבטל מאכן. קיינער האט נישט קיין רעכט צו פארגעבן די מערדער סיידן די טויטע אליין ! ! !

זאל זיך יעדער טאטע און מאמע פארטראכטן, וואס וואלטן זיי געטון ווען זיי חלילה וואלטן מיט זייערע קינדער אויך געפירט געווארן אין די גאז־קאמערן, וואס וואלטן זיי דאן געוואונשן? וואס וואלט געווען זייער צוואה? און ווי וואלטן זיי דאן געפילט און געוואונשן ווען מ׳וואלט זיי פאראויס גע־זאגט, אז די יידן פון אמעריקע און ענגלאנד א.א. וועלן פארגעסן און זיי און מאכן געשעפטן מיט זייערע מערדער?

זינט די פארעפנטליכונג פון מיין ערשטן ארטיקל וועגן חרם (אין „שטענצלס העפטל“ — פעברואר 1945) זיינען מיט עפנטלעכע ערקלערונגען לטובת דעם חרם ארויסגעקומען: פראפעסאר ז. בראדעצקי, דר. רבי שיינפעלד, די אגודה קאנפערענץ, הרב ק. ראזן (גלאזגא), א.א. אבער דאס אליין איז נאך נישט גענוג. מיר מוזן דעם חרם אדורכפירן מיט אלע יידישע צערעמא־ניעס, לויט דער יידישער טראדיציע און מנהגים. נישקשה, מיר האבן זיך נישט וואס צו שעמען מיט אונזער קאמף מיטל. זאלן זיך בעסער שעמען די מערדער; זאלן זיך שעמען די שעפער פון ציוויליזאציע, וועלכע האבן אויס־געשאכטן מיליאנען מענטשן; זאל זיך שעמען דער קריסט און דעמאקראט קאפיטאן רעמזיי, וועלכער פאדערט צו שטעלן די יידן אויסערן געזעץ. וואס האבן אויף זיך נישט קיין חטא.

אזוי צי אזוי איינס איז זיכער, די גואלי הדם, די דירעקטע יורשים פון די קדושים, וועלן די „צוואה פון נקמה“ אפהיטן מיט דער זעלבער קנאות ווי פנחס האט ארויסגעוויזן צום יידישן פארעטער זמרי, וועלכער האט פארקויפט דעם יידישן כבוד פאר א פאר שיינע אויגן פון א גויע. מיר דארפן זיין שטארק און אכזריותדיק, כדי נישט ארונטערפאלן אונטערן איינפלוס פון די „גוטע דייטשן“...

איך ווענדע זיך דא צום צווייטן מאל צו די רבנים און מנהיגים, צו דער וועלטלעכער רבנים קאנפערענץ וואס וועט אין גיכן פארקומען אין אמעריקע, פארזאמט נישט דעם מאמענט, רופט אויס דעם חרם אויף דייטשלאנד ! ווייל מער פון אלעמען וועט די געשיכטע פאדערן א רעכנונג פון אייך ! גלויבט איר רבנים, אז איר וועט מיט א רואיק געוויסן קענען נעמען אייער שכר טרחא פון די יעניקע וואס וועלן מאכן געשעפטן מיט דייטשלאנד? וועט אייך די בלוטיקע געלט נישט ברענען די הענט? וועט איר די יידישע פאררעטער אריינלאזן אין אייערע שולן זאגן נאך זיי הספדים?... איר האט א מעגלעכקייט צו ראטעווען אייער כבוד און נשמות דורך דאס פראקלאמירונג פון חרם. פארטראכט זיך נאר גוט, וואס וואלט איר זיך געוואונשן, און וואס וואלט געווען אייער צוואה, ווען איר, חלילה, וואלט געווען דארט אין די גאז־קאמערן?!



א. נ. שטענצל

## איך זע אים דעם בליק פייערדיק ליכטיק

דעם קאזשעגלעווער רב (ראש־ישיבה פון ישיבת חכמי־לובלין).

.1

ווילד־אויפגעריסענע לעצטע בליקן,
פון געטריבענע אין די קאמערן פון טויט,
נישט צו ענטרינען, נישט צו ראטעווען,
בליקן אזעלכע גאט אליין שוין אנפארטרויט —
לעמער פון וועלף ארומגערינגעלטע,
דעם בלאסק פון די ציינער שוין איבער זייער הויט ;

לעמער צווישן וועלפישע ציין פארציקט,
וואס זייערע לעצטע אטעמס צוקן נאך בלויז !
ווילדע בליקן ווייט־אויפגעריסענע,
ס׳איז דער תהום פון טויט טיף נאר אזוי און גרויס,
א, אין מיין בליק, מיין פינסטער צעצוקטן,
נישט געראטעוועטע, זיי לעשן זיך דארט אויס.

.2

זיינען עס דאך טויזנטער, מיליאנען,
און פארוואס תמיד זיין בליק נאר פאר מיינעם שטייט,
א וועלפישער, אן אנגעצונדענער,
נישט מיט מאנען, נישט מיט טרויער — פול מיט באדייט !
א בליק אן אויסגעשליפענער שארפער,
וואס צערייסט אויף שטיק־שטיקער די ווייט און די צייט.

נישט ווערטער צווישן ציינער געשליפן,
פגימהדיקע באלד צו ווערן פון מויל צו מויל — —
איך זע אים דעם בליק, שארף און געשפיצטן,
די גאנצע וועלט אן אויפגעריסענער שטיק גרויל !
איך זע אים דעם בליק, וועלפיש צעצונדן,
און אונטער זיין אש נאך א טליענדיקע קויל —

.3

עס איז אזא שפיל דאך פון „וואלף און לאם“,
די ערד אונזערע איז דאס געקעסטלטע ברעט !
מ׳רוקט זיך און מ׳שטעלט זיך, ארויף און אראפ,
ביז איינער איבער אנדערן שפרינגט און צעטרעט ;

ווי כיטרעדיק קלוג ס׳שפילט דאָס אַ יעדער,
מיט האַס און מיט ליבע, מיט קאַמף און מיט געבעט.

און וואָס איז און וואָס מאַכט עס שוין אויסעט,
אַז אונזער גורל איז תמיד דאָס לאָם צו זיין ?
אַ שפרינגער אַ וואָלף ווערט מען דאַך דעמאָלט,
ביז צום לעצטן קעסטעלע אַז מ׳קאָן נאָר דערגיין !
וועלפיש פאָספאָריש צעפלאַקערטע דער בליק,
און דאָס אייגענע האַרץ אַ לאָם צווישן די ציין — —

4.

יאָ, עס וועט וואוינען אַ לאָם מיט אַ וואָלף,
ווען נישט אַ געקעסטלטע ס׳וועט זיין די ערד,
ווען יעדע גרענעץ צווישן פאָלק און פאָלק
מיט געשמידטן אַקעראייזן פאַראַקערט ווערט ;
יאָ, עס וועט וואוינען אַ לאָם מיט אַ וואָלף,
ווען אַן אַקעראייזן ס׳וועט ווערן פון דער שווערד . . .

און ביז דעמאָלט, ביז צווישן מענטש און מענטש
דאָס כיטרעדיקע שפיל אויף אייביק נישט אויפהערט,
עס וועט פאַרציקן דער מעכטיקער וואָלף,
און דאָס שוואַכע לאָם, אַז נישט ווערן ס׳זאָל פאַרצערט,
ביז לעצטער גרענעץ מוז קענען דערגיין — — —
אַ שוואַך שעפעלע ווער עס וויל נאָר קוילעט און שערט.

5.

אָ, אַז דאָס לאָם צו זיין ס׳איז אונז באַשערט,
ביז דערלייזט ווערן ס׳וועט וועלט פון האַס און פון פיין !
אונזער בלוטיקער וועג — דער שליאַד דאָצו,
גרענעצלאָז דעם ערד־קיילעך צו קענען דערגיין ;
און אויף יעטוועדער קדוש־מצבה —
צום דערגרייכטן ציל דער געצייכנטער מייל־שטיין.

5.000.000 ! וואָסער ווייטער מהלך — — —
קאָן דאָך שוין לענגער נישט דויערן אַזאַ גאַנג !
און ווען מיטשולדיק ס׳איז דאָס שעפעלע,
ווייל טוליעדיקע שוואַכקייט דעם וואָלף רייצט צום פאַנג . . .
און ווען מיטשולדיק ס׳איז דאָס שעפעלע,
ווייל זיין וואַקלדיקער גאַנג דויערט אַזוי לאַנג . . .



6.

דאָס וויכע טוליען איינער צום צווייטן,
און דאָס בלעקנדיקע בליקן פול מיט געבעט ;
נישט ווייטער צו קומען איז אַזאַ גאַנג —
אין דעם געפּלאָנטער איינער נ׳אַנדערן צעטרעט !
אָבער מיטאַמאָל, מיטען פון סטאַדע,
אַ בליק, אַ וועלפיש צעצונדענעם מען דערזעט — —

און נישט פון אַ וואָלף וואָס טשאַטעט אַרום,
נאָר פון אַ לאַם פון מיטען געטוליע אַרויס,
און גאַנצע סטאַדע, וואַקליק פאַרפּלאָנטערט,
מיט זיין צעצונדענעם בליק ער רייסט זי פאַראויס ;
און פון יעטוועדן שעפעלע דער בליק,
צעפלאַקערט זיך געוואַלטיק און וואונדערלעך גרויס.

7.

יאָ, אַז אָנקומענדיק צום ראַנד, צום ציל,
אַ פאַרכלינעטער וואָלף ס׳זאָל נישט ווערן דאָס לאָם,
און טשאַטעווען ס׳זאָל נישט און נישט טשאַדען
פונם בליק דער פאָספאָריש צעצונדענער פלאָם,
דערפאַר דאָס וואַקלדיקע געפּלאָנטער,
דאָס געטוליע געקוילעט פון אַלע צוזאַם — — —

יאָ, ווען אָנקומענדיק צום ראַנד, צום ציל,
ס׳וועט לייכטן מיט גוטסקייט, מיט פאַרגעבונג דער בליק,
און נישט ווערן אַ זואָלף אַ פאַרצוקער,
אַלצדינג צו פאַרדאַרבן שפרינגענדיק אויף צוריק,
דעמאָלט ערשט וועלן וואוינען לאָם מיט וואָלף,
און וועלט אַ גרענעצלאָזע מיט פרייד און מיט גליק —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

8.

אָ, פון די געקוילעטע פאַרקוילטע
פון זייער הויט און ביין געווינדשאָולט אין ווינט,
דער וועלפישער בליק, דער צעפלאַקערטער,
פאָספאָריש פון אַש אַרויס ער טליעט און צינדט ;
איך זע אים דעם בליק, פלאַמיק צעצונדן,
און אין לייב מזר דאָס בלוט פאַרגליווערט און גערינט.

איך זע אים דעם בליק, פייערדיק ליכטיק,
און מיין האַרץ איז פול מיט סודותדיקסטן באַדייט —
אַ לאָם כ׳בין דעמאָלט ווי ער און ווי זיי,
און אין מיר נישט טרויער — ווילד אויסטערלישע פרייד:
ביינאַנד מיט אַלע, צוזאַמענגעטוליעט — — —
אין אַ שטויבעלע אַש טליעדיק אויסגעשפּרייט — — —

## דוד המלך געזאַלבט פון זיינע נצחונות

געווידמעט דעם ענגלישן נאַציאָנאַל־העלד
ווינסטאָן טשערטשיל.

אַ לייב פון פעטן פאַנג אַ געזעטיקטער,
די גראַטשעס אין די לאַפּעס איינגעצויגען,
מנוחהדיק שטיל מאַיעסטעטיש רואיק,
דער זשמור אַ צעפּאַטלטער איבער ד׳אויגען;

די צעשויבערטע גריווע איבערן קאָפּ,
ביז טיף איבערן הויערדיקן רוקן;
שלוהדיקע ליבלעכקייטן באַשטראַלן
פון צווישן לאַנגע ברעמען מילדע קוקן;

אפילו די צונג אין מויל רויט־צעציטערט
עפּעס זי וואָלט זיך כסדר באַלעקן;
מיט האָניק־זיסיקייטן זי וואָלט געטריפט,
די בלוטיקע גליווער צונג פול מיט שרעקן.

אַזוי איז ער געזעסן דער קעניג דוד,
ווען דער נביא צו אים איז אַריינגעקומען,
ער האָט זיך טיף פאַרבויגן, אים באַוואונדערט,
און זיינע רייד צו אים רעדן גענומען:

„בישט דו קעניג וועסט בויען דאָס מזבח,
מקריב צו זיין דערויף אָקסן און רינדער,
צופיל האָבן דיינע הענט בלוט פאַרגאָסן,
ווען צומאָל פון שפּלע פלישתים־קינדער.

זיץ שטיל, קעניג, דיין בליק איז וואונדערלעך שיין,
איין באַוועג נאָר קאָן מיין נבואה שאַטן — —
ווי אַמאָל דיינע פינגער אין די סטרונעס,
גייט דיין בליק איצט צווישן די ברעמען־גראַטן.



קעניג, לייב פון יהודה און ישראל,
פון אונזער שונא פאַרצוקער און שינדער!
ביזט דאַצו פון גאָט אויסגעוויילט געוואָרן,
אָבער צו גרעסערס נאָך — דיינע קינדער!! !

זיץ שטיל, קעניג, דיין אָנבליק איז הערלעך שיין,
איין ריר נאָר קאָן מיין נבואה צעשטערן — —
אייביק וועלן מיינע ווערטער דויערן —
אין דיין בליק אָצינד באַשאַפן זיי ווערן:

מזבח — קרבנות — — פאַרן שוואַכן נאָר —
שרעק פון זינד פון זיך צו קענען פאַרטרייבן — — —
קעניג, אַז אין דיין בלוטיקן שליחות
שטאַרק אַזוי און מעכטיק געקאָנט האָסט בלייבן —
— — — — — — — — — — — — — — —"

און ווען דער נביא איז אַרויסגעגאַנגען,
טיף זיך בוקנדיק שטיל און אונטערטעניק,
גאַנצע ערד געווען איז דער מזבח
און דאָס הייליקע לאָם דערויף — דער קעניג.

---

א. מ. פוקס

## ברוך גלאַזמאַן

מיטן פריצייטיקן טויט פון ברוך גלאַזמאַן (אין עלטער פון 52 יאָר) האָט די אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור פאַרלוירן איינעם פון אירע בעסטע פּראָזע שרייבער. ער האָט געהערט צו דער גרופּע „יינגע" פון צווייטן אימיגראַנטן דור בעלעטריסטן אין אַמעריקע, בראש מיט י. אָפּאַטאָשו, דוד איגנאַטאָוו, ראובן אייזלאַנד, ה. לייוויק, מאני לייב, י. י. סיגאַל, א. לעיעלעס, יוסף ראָלניק, י. י. שוואַרץ א.א., וועלכע האָבן אין ערשטן פערטל פון אונזער יאָרהונדערט מיט זייער גייסטיק שאַפן שטאַרק דערהויבן די אַמעריקאַנער יידישע וואָרטקונסט און זי אויפגעשטעלט ווי אַ רייכן דערגאַנץ־טייל פון דער יידישער ליטעראַטור. פון אָט דער גייסטרייכער און ליטעראַריש פּראָדוקטיווער גרופּע „יינגע" שרייבער אין אַמעריקע איז לעצטנס פריצייטיק פון דער וועלט אַוועק אַ גרויסער טייל פון אירע מיטגלידער אין זייערע בעסטע שאַפונגסיאָרן, ווי משה לייב האַלפּערן, משה נאַדיר, זישא לאַנדוי, א. דילאָן, א. ראַבאָי, יואל סלאָנים, א.א. און איצט אויך ברוך גלאַזמאַן.
וויייזט אויס אַז דער גרויסער חורבן פון אונזער טראַגישן דור האָט אויך

אויף אַ נאַטירלעכן אופן געוואָרפן זיין שאָטן פון טויט אַזש דעם אַטלאַנטיק אַריבער.

ברוך גלאַזמאַן האָט אין זיינע דערציילונגען און אויך ראָמאַנען געשילדערט דאָס אַמעריקאַנער יידישע אימיגראַנטן לעבן מיט אַ בולטער נעגאַטיווער טענדענץ. דאָס פון דער אַלטער היים אויסגעוואָרצלטע, פון דער רייכער גייסטיקער טראַדיציע אָפּגעריסענע יידיש לעבן, האָט זיך אין דער נייער וועלט פאַרלוירן. אָן אַ ציל האָט עס זיך געראַנגלט אין דער פרעמדער סביבה און אָן אַ פאָרם פון נייעם לעבנסשטייגער איז עס הענגען געבליבן „אויף אַ האָר" (איינע פון זיינע ערשטע רעאַליסטישע דערציילונגען.) אין לופטליידיקן חלל פון אַמעריקאַנער „גאָלדענעם זומפּ" (ראָמאַן פון לעבן פון דער דאָרטיקער יידישער אינטעליגענץ) איז לגמרי נישטאָ קיין אידיי פון יידישקייט ווערטן און ס'קאָן דעריבער נישט געדייען דאָרט קיין שום אידייאַל פון אַ נאַציאָנאַלער צוקונפט. ס'איז דאָ אַ ביסל צי אַ סך עולם הזה מיט עראָטיק פון יינג־פאַרבליטען לעבן אין ענגן קרייז פון סאַטירע און ביטול („די משפחה פּעקודאַ").

אין דער לעצטער דערציילונג האָבן מיר אגב אַ אינטערעסאַנט בילד פונם לעבן פון די ספרדישע יידן אין אַמעריקע.

ברוך גלאַזמאַן האָט געהאַט אַ געניט קינסטלער אויג פאַר פּסיכאָלאָגישע קאָנפליקטן און זייטיקן מענטשלעכן לעבן. אין דעם פרט איז ער געווען אונטער דער השפעה פון די מייסטער פון דער רוסישער פּראָזע־קונסט פון דעם זשאַנר (אַנדרעיעוו, קופּרין).

זיין גייסטרייכע דערציילונג „אַ שיף אויף גרויסע וואַסערן" איז אַ וויזיע פון בילדער און סימבאָלן, אין זאַטע פאַרבן פון אַ לירישער שפּראַך געמאָלן, מיט אַ רעאַלען תוכן פון מענטשלעך־אינערלעכע איבערלעבונגען און שטימונגען בעת אַ נסיעה אויפן ים.

אין זיינע דריי בענדער דערציילונגען, בעיקר פונם לעבן פון יידישע מענטשן וואָס זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן ערגעץ אין איינזאַמע געגנטן פון די אַמעריקאַנער שטאַטן, האָט ברוך גלאַזמאַן, מיט אַ שטאַרקן געפיל פון אינער־לעכער בינדונג, געשילדערט דאָס ראַנגלעניש און בענקען פון יידישע נשמות, פאַרלוירן אין פוסטקייט פון ווילד־פרעמדע סביבות, מיט אַ ווילדער נאַטור.

דער סטיל פון ב. גלאַזמאַנס פּראָזע איז אמת אָפּט שיטער, ווייניק אָריגינאַל, אָבער תמיד קלאָר און אינטים באַוואָרט מיטן נייטיקן חומר פון ערלעכער וואָרטקונסט.

עס איז נאַטירלעך נישט מעגלעך אין אַ קורצער נאָטיץ צו געבן אַ אָפּשאַצונג צי אפילו אַ באַגריף וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטערס רייכן ליטעראַרישן שאַפן. ער פאַרנעמט זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי איינער פון אונזערע סובטילסטע פּראָזע שרייבער פון יינגן דור. אַ תלמיד פון אַזוינע פּראָזע מייסטער ווי י. אָפּאַטאָשו און דוד איגנאַטאָוו, האָט ברוך גלאַזמאַן געזען אַפן געשילדערט אין זיינע ווערק דאָס אַמעריקאַנער יידישע



לעבן פון זיין אייגענעם ווינקל, מיט אַ שאַרפן חוש פאַר אָבסערווירן דאָס מענטשלעכע און די מעשים וואו נאָר זיין בליק האָט געגרייכט און ווי ווייט זיין כח הדמיון האָט געטראָגן.

די אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור איז אין די לעצטע יאָרן רייכער געוואָרן מיט אַ היבשער צאָל וויכטיגע שרייבער וועלכע זיינען אהין געקומען ווי אימיגראַנטן צי פּליטים. אָבער אין דער אָריגינאַל אַמעריקאַנער יידישער פּראָזע־קונסט איז, דאַכט זיך, חוץ בנימין דעמבלין און משה שטאַרקמאַן אין דער לעצטער תקופה קיין נייע טאַלאַנטן נישט צוגעקומען. דערמאָנט מען זיך דעם גרויסן חורבן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אייראָפּע און אַז קיין נייע פּראָזע־טאַלאַנטן זיינען דאָ אויך שוין פון לאַנג נישט צוגעקומען ווערט נאָך מער טרויעריק אויפן האַרץ וואָס אַזאַ גרויסע צאָל פון דער באַרימטער גרופּע אַמעריקאַנער „יינגע" שרייבער, פון וועלכע ברוך גלאַזמאַן איז געווען איינער פון די בעסטע, זיינען אַזוי פּריצייטיק פון דער וועלט אַוועק.

## אהרן גאלדבערג

### צום אנדענק פון דר. י. מ. זאלקינד

### ווו. איינקע בריוו — אביישטייערונג צו זיין „עזבון"

דאָס לעצטע קאַפּיטל איבער דר. י. מ. זאַלקינד — וועגן זיין „שליחות" און לעבנס־אויפגאַבע צו איבערזעצן פאַר די יידישע מאַסן דעם תלמוד אויף יידיש, וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען אַרויסגעבן אין לאָנדאָן, און מיט יאָרן שפּעטער, די משנה ותוספתא, אַרויסגעגעבן אין ארץ־ישראל, — איז אַ קאַפּיטל וואָס האָט געדאַרפן „מאַכן געשיכטע — יידישע געשיכטע": ווען זיין גרויסע „שליחות" און שטרעבונג וואָלט האַלב נאָר דערפילט געוואָרן, וואָלט ער שוין פאַר־דינט אַ „ריש־גלותא" שטול אין אונזער צוואַנציקסטן יאָרהונדערט יידישן גלות און אַן ערא וואָלט פאַרצייכנט געוואָרן אין דער יידישער געשיכטע.

נאָר איידער איך פאַנג אָן וועגן דעם, וויל איך זיך ביי דער געלעגענהייט באַנוצן מיט איינקע בריוו פון דר. ז. צו מיר (ניט אַלע האָבן זיך ביי מיר אויפגעהאַלטן, און די פאָר קענען דערפאַר ווערן אַ ביישטייער צום דר. י. מ. זאַלקינד „עזבון").

די בריוו זיינען געשריבן געוואָרן נאָכן אונטערגאַנג פון „אַרב. פר.". טייל האָבן אַ שייכות מיט זיינע געפּלאַנטע מסכתות־אויסגאַבעס. זיי וואַרפן אַ שאָטן־ליכט, אפילו אומדירעקט, אויף די גרויסע קרבנות, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן פּראָבלעם פון טעכנישן־דרוקערייוועזן אַליין, כדי אויסצופירן אַזאַ קאָלאָ־סאַלער ריזנאַרטיקער אונטערנעמונג, ווי די גמרא אין יידיש. זער ווייניק מענטשן פאַרשטייען אָדער זיינען געווען בכוח אָפּצושאַצן די קרבנות וואָס ז. האָט געבראַכט איידער ער האָט געקענט צוטרעטן צום דרוקן זיין גמרא דאָ אין לאָנדאָן. זעלטן אַ דרוקעריי אין לאָנדאָן האָט געהאַט אי די קאָמפּעטענטע

זעצערס, אי די טעכנישע אויסשטאַטונג, כוחות, און דערהויפּט די מאָראַלישע אחריות פון אַן „המוציא לאור”, אָן וועלכער אַזאַ חיבור האָט ניט געקאָנט האָבן קיין ערפאָלג. כדי אויסצופירן ריכטיק און געוויסנהאַפט די טעכנישע זייט פון אַזאַ ריזיקער פאַרלעגעריי־אויפגאַבע, האָט זיך געגויטיקט אַן אינסטיטוציע און אַ דרוקעריי מיט אַ רעפּוטאַציע, אויב אפילו ניט אַזוי גרויס און חשוב ווי אַ ר אָ מ ס אַ דרוקעריי, לכל הפחות, מיט מער קאָמפּעטענץ און באַציאונג ווי אַ געוויינלעכע געשעפטלעכע דרוקעריי.

און שיער, שיער, און איך וואָלט געוואָרן דער אַרויסגעבער פון זיין תלמוד—ווען נישט די אייביקע מניעה . . . קאַפּיטאַל. ער האָט זער געוואָלט איך זאָל זיין ניט בלויז דער „בחור־הזעצער, העוסק במלאכת הקודש”, נאָר אויך דער „המוציא לאור”. ער האָט זיך פאַר מיר געקלאָגט אויף די קאַליקעס, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין דעם ענין: אין דער ערשטער הגהה און אין צוזאַמענשטעלן זיין ערשטן פּראָבע־בויגן, וואָס ער האָט געלאָזט מאַכן. ער שיקט מיר דעם בויגן, אַלס עדות־ראיה, און בעט זיך ביי מיר, פּערזענלעך און שריפטלעך, איך זאָל אונטערנעמען די אויפגאַבע און עפענען אַ דרוקעריי אָדער אַ שותפות־קאָ־אָפּעראַטיוו.

צום באַדויערן האָט זיך זיין פּלאַן און זיין וואונטש נישט אויסגעפירט. ווי איך האָב שוין באַמערקט צו גרויס איז געווען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו קענען אויספירן אַזאַ ריזנאַרטיקע אונטערנעמונג מיט אַזעלכע באַגרענעצטע מיטלען, וואָס ס'האָבן פאַרמאָגט אי דער מחבר און אי דער שרייבער, אין יענער צייט. איך מוז אָבער, צו מיין גרעסטן באַדויערן, דאָ צוגעבן: הלואי וואָלט איך דעמאָלט פאַרשטאַנען די באַדייטונג און די גרויסקייט פון זיין אידייע, ווי איך פאַרשטיי און פיל היינטצוטאָג! . . . דאָס וואָלט, אָן ספק, געקאָנט האָבן געמאַכט אַ שינוי אין אונזער ביידענס גורל,—אַ גורל וואָס האָט אונז לכתחלה פאַרבונדן אי מיטן „אַרב. פר.” און אי אומדירעקט מיטן זיינע תלמוד־אויסגאַבע פּלענער.

איז טאַקע די טעכנישע עבודה אַליין—דאָס דרוקן—אָנהויבנדיק פון זיין ערשטער מסכתא ברכות ביז דער פינפטער מסכתא כלאים, דעריבער געווען אָן און פאַר זיך אַ טראַגיש און האַרצרייסנדיק קאַפּיטל, ווען מען לייענט עס אין דעטאַל, און ווען מען ווייסט נאָך פון לעבעדיקע פאַקטן איז דאָס טאָפּלט שמערצליך און מאָנומענטאַל.

מיין פּלאַץ איז, ליידער, באַגרענעצט זיך אָפּצושטעלן דאָ, אין די העפטלעך, ברייטער אויף דער מאַרטיראָלאָגיע וואָס ער האָט געליטן אויף דעם געביט פון דרוקוועזן אַליין שוין, ד.ה., אין דעם אופן און דרך, ווי אַזוי ער האָט געשאַפן די מיטלען צו קאָנען אָנגיין מיטן דרוקן זיינע ערשטע תלמוד־אויסגאַבעס דאָ אין לאָנדאָן. אויך נישט דאָ איז דער פּלאַץ אָנצעווייזן אויף דער יידישער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אחריותלאָזער באַציאונג פון יידישע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן פון איין זייט, און אונזערע כלל־טוער, גבירים־עשירים און מעצענאַטן פון דער צווייטער זייט, וועלכע האָבן פאַרזען



אויסנוצן די געלעגנהייט צום נוצן פון יידישן פאָלק; צום ווינציקסטנס, אויסצושטרעקן אים אַ האַנט, און אים מקרב צו זיין אויף וויפיל מען האָט דאָ מקרב געווען און „מעצענירט” ווייניקער חשובע אויסגאַבעס, ווי די גמרא אין יידיש.—ניין, אַ גמרא אין יידיש, איז נישט קיין מחברישער פּריוואַטער ענין בלויז! . . .

און דר. זאַלקינד פאַרענטפערנדיק זיך איבער די דריי און זעקס יעריקע הפסקות וואָס דויערט אים צווישן איין מסכתא און אַ צווייטער, ביז זי דערזעט די ליכט פון דער וועלט, שרייבט די דאָזיקע ווייענדיקע שורות, מיט וועלכע איך וויל דאָ פאַרענדיקן לזכרון:

„זאָלן זיי וויסן, אַז די פאַרשפּעטיקונג [אין יאָרן.—א.ג.] איז חלילה נישט קיין רעזולטאַט פון פוילקייט אָדער נאָכלעסיקייט פון מיין זייט, נאָר איז דערפאַר וואָס נאָכדעם ווי איין באַנד ווערט ביי מיר פאַרטיק און איך פאַרשולדיק זיך איבערן קאָפּ צום דרוקער אא”וו, מוז איך מגולגל ווערן פון אַ מחבר אין אַ ספרים־פּעדלער און דאַרף קלעטערן אויף טויזנטער טרעפּ און אַנקלאַפּנדיק אין הונדערטער טירן געוואויר ווערן צי עס זיינען נאָך דאָ יידן, וואָס אינטערעסירן זיך פאַרן אַרטיקל וואָס מען רופט תלמוד . . . אָה, ווען די וואָס געפינען זיך אויף דער אַנדער זייט פון די דאָזיקע טירן וואָלטן געוואוסט וויפיל בלוט דאָס קאָסט”! — — —

## איינקע בריוו פון דר. זאַלקינד צום שרייבער פון די דאָזיגע אַרטיקלען

19, Montpellier Parade, Harrogate.

.24/4/23

„מיין ליבער גאָלדבערג!

איך שיק אייך דאָ אָפּ דעם מאַנוסקריפּט, ווי איר האָט געבעטן. ענטשולדיגט וואָס איך האָב דאָס פריער ניט געטאָן: איך האָב נאָך אַלץ געהאָפט אַז דער מת וועט זיך נאָך אויפכאַפּן און „ד ע ר ג ר ע נ י ץ” וועט פאַרטגעזעצט ווערן. אָבער עס איז שוין הפנים אַ נאַטור געזעץ אַז דאָס וואָס איז טויט איז טויט. עס טוט וועה, אָבער טויטע דאַרף מען פאַרגעסן.

כמעט ווי פאַרגעסן האָב איך שוין אויך די אומזיסטע פּראָצע וואָס איך האָב אַריינגעלעגט די לעצטע פיר חדשים פון פאַרגאַנגענעם יאָר און די פוילע אַטמאָספערע אין וועלכער איך האָב אין לאָנדאָן געלעבט. האַראַגייט איז שעהן און די לופט איז קלאָר און איך בין אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען מיט שרייבן — געשעפטס בריוו, טשעקס און רעכענונגען וכדומה. איך פיר זיך ווי אַן אמתער גענאָסע: איך בין אַן אַנאַרכיסט „אין האַרצן”, אָבער אַזוי ווי די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז נאָך ניט געקומען, טאָ פאַרוואָס טאַקע ניט אויספילן די צייט מיט שרייבן דאָס וואָס טראָגט איין ניט נאָר אַ סך מעהר ווי ריינע ליטעראַטור נאָר אפילו מעהר ווי די שונד וואָס אייער בעל־הבית איז זיך מתעסק דערמיט?

ווי איר זעהט, איך בין געוואָרן אַ פּראַקטישער מענש, און ניט נאָר מיין ידענע קוועלט פון מיר נאָר מאַנכמאָל האָב איך גופא הנאה פון זיך זעלבסט.

וואָס מאַכט איר עפּעס? שרייבט און רעכנט זיך ניט מיט אַ בריוו.

עס איז מעגלאַך אַז אין גיכן וועל איך זיין אין לאָנדאָן און פּרובירן דעם מת. אַ טאַפּ טאָן ביים דופק. פּראַקטיש היינט, פּראַקטיש מאָרגן, אָבער ווי זאָגט מען: דעם וואָלף ציט דאָך אין וואַלד אַריין.

זייט זשע מיר געזונט!

אייער י. מ. זאַלקינד.״

13, Harlow Moor Drive, Harrogate.

25/XI/26 (פּאָסטקאַרד).

„ליבער גאָלדבערג!

איך וואָלט וועלן וויסן וואו איר האַלט מכח דעם ענין וואָס מיר האָבן אַמאָל גערעדט. האַלט איר ביי ווערן זעלבסטשטענדיג אָדער ניט? איך מוז איצט סעטלען מיט אַ דרוקער און אָנגעהן מיט דער אַרבעט, און עס וואָלט מיר נאַטירלאַך זעהר אַנגענעם געווען ווען איך קאָן אַראַנזשירן מיט אייך. ביטע לאָזט מיר צו וויסן. איך האָב זיך שבת געזען מיט נאַראָדיצקי.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אייער ד״ר י. מ. זאַלקינד.״

דאָנערשטאָג. (דאַטום אויסגעלאָזן).

„ליבער פריינד גאָלדבערג!

אַדאַנק פאַר אייער בריוול. איך שיק אייך אויך דעם ערשטן בויגן. נאַטירלאַך וויל איך האָבן אַן אַנדער אויסשטעלונג און אַן אַנדער זאַץ. דאָס איז געמאַכט געוואָרן ביי קאַליקעס.

דעם ווערט פון מיין אַרבעט האָב איך פאַרשטאַנען פאַר פריינד עריק, און דערפאַר טאַקע קלאַמער איך זיך אַזוי אין איר, טראָג אַלע שוועריגקייטען און ענטוישונגען. אַז איך זאָל זיך איבערנעמען איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן; מיין לעבן זאָרגט שוין דערפאַר אַז עס זאָל חלילה דערצו ניט קומען. איך בין כל ימי געווען אַ נאַר און דערפאַר אפשר בין איך טאַקע אָפּט אַ נביא און זעה פאָרויס אַ סך זאַכן וואָס אַנדערע קאָנען ניט זעהן. איך זעה פאָרויס אַ גרויסע אויפלעבונג פון תלמוד, אין וועלכער איך וועל נאַטירלאַך האָבן אַ יד, אָבער גערעדט וועגן דעם צו אונזערע היינטיגע חכמים וועלן זיי מאַכן פון אייך אַ חוזק. מילא זאָלן זיי לאַכן, אָבער אַ גרויסע מצבה וועלן זייערע קינדער און אייניקלעך מיר מוזן געבן.

איך האָף אַז איך וועל נאָך דעם חודש זיין אין לאָנדאָן, נו, וועלן מיר זיך דורכרעדן.

עס גריסט אייך הערצלאַך,

אייער, ד״ר י. מ. זאַלקינד.״



13, Harlow Moor Drive, Harrogate.

4/1/27.

„ליבער גאָלדבערג!

נו? איך ווייס אַז עס איז אַביסל צו פרי צו פרעגן שאלות, אָבער איך אייל זיך, בין איך אומגעדולדיג. איך וואָלט זעהר וועלן וויסן צי איר מאַכט שוין הכנות און ווען ס׳איז מעגלעך אַז איר זאָלט זיך שטעלן אַרבעטן. שרייבט באַלד. אין אייער לעצטן בריוו האָט איר גאָרניט דערמאָנט וועגן דעם פּלאַן פון שותפות וואָס איך האָב אייך פאָרגעשלאָגן. אויב דאָס איז געטאָן געוואָרן בכיוון וויל איך ניט רעדן וועגן דעם, הגם לויט מיין מיינונג וואָלט דאָס געווען זעהר אַ גלייכע זאַך. איז דאָס אָבער ניט דער פאַל, טאָמער וואָלט זיך געלוינט אַ טראַכט צו טאָן מכח דעם און אויב עס האַלט ביים וועג אפשר וואָלט איר מיך באַאויפטראָגט צו זיין דער שדכן? על כל פנים ענטפערט גלייך און שרייבט אויספירלאַך.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס גריסט אייך הערצלאַך,

אייער ד״ר י. מ. זאַלקינד.״

באַמערקונג צו די בריוו:

די בריוו ווערן איבערגעגעבן אין זיין אָרטאָגראַפיע און ווערטערלעך. אַחוץ אייניקע פריוואַטע שטעלן אין 2—4־טן בריוו, וואָס זיינען ניט שייך די טעמא. די ווערטער „מת״ באַציט זיך אויפן „אַרב. פר״.; „דער גרענעץ״ — מיינע אַ גרעסערע דערציילונג, וועלכע האָט זיך געדרוקט אין יענעם וואָכנבלאַט אין פאָרזעצונגען, און צוזאַמען, נאַטירלעך, זיך אָבגעשטעלט מיטן „טויט״ פון „אַרב. פר״. אומפאָרענדיקט; זיין סאַטירישע באַמערקונג „אייער בעל־בית״ — דער נאָמען „עריק״ — דער באַציט זיך צו אַ טעגלעכער צייטונג; דער באַקאַנטער יידישער קולטור־געשיכטס־פאָרשער מאַקס עריק, וועלכער האָט באַזוכט יענער צייט לאָנדאָן.

## יידיש און יידישקייט

ווי מיר אַלע זאָלן נישט שרייען, זיך און אַנדערע איינריידן, אַז מיר זיינען די זיילן פונעם יידנטום, ווייסן מיר סוף כל סוף, אַז דער פרומער ייד איז געווען און איז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג דער יסוד פונעם יידנטום — מיט זיין באָרד און פאות איז ער פאַרוואָרצלט דערין! און זיין נאַטירלעכער אינסטינקט איז עס וועלכער פאַרבינדט אים אַזוי מיט דער יידישער שפראַך. ער ווייסט, אַז אַ בלאַט גמרא געלערנט אויף יידיש וועט נישט פאַרוועלקט ווערן; דער שפּרודלדיקער קוואַל פון אונזער לעבעדיקן לשון, וואָס איז סך הכל נאָר די אויסטייטשונג פון אַ בלאַט גמרא, איז דער מעין המתגבר פונם ים התלמוד. מיט וואָס איז דען יידיש, ווען נישט די פאַרטייטשונג פון דער יידישער תורה.

אַלע אירע סודות און רמזים איז דאָך דערווינקט יעדעס וואָרט מיט טויזנט קנייטשן און קנייטשלעך.

און דער „ואני“ יידיש אויסגעזיגגען מיטן קינדישן קולעכל שטאַרקט דעם יידישן איך! דעם אנכי!! דעמאָלט האָט מען נישט מורא פאַר דעם קינדער-קוילער נבוזרדן אפילו! עס איז „וארון נושא את נושאיו“ !— — —

עס איז רירנדיק און עס איז ממש צו באַוואונדערן די מי און די טאָג-טעגלעכע אַרבעט פון די רבנים און פרומע יידן אַרום דעם „חדר יסוד התורה“, אַ טאָג שולע, פון הונדערטער קינדער, קיין עין-הרע, וואָס לערנען אַ גאַנצן טאָג און אַלע למודים אויף יידיש. אַריינקומענדיק דאָרטן אין די שול און זעענדיק דעם אידעאַליזם און דעם אחריות פון די לערער, און די קינדלעכע פרייד וואָס לייכט אַרויס פון די אויגן פון די צוויי רבנים הרב פרדס און דעם וואוידעסלאַווער רב, פאַרשטייט מען דעם טייטש און דעם זכות פון „תינוקות של בית רבן“. זייער יידישער בליק איז נישט פון די גלאָקן-קלינגענדיקע דר. שענפעלדלעך, צי אפילו פון אַ דר. ראָזענהיים-מורנו, וואָס אפילו ווען ער וועט דיר דרשענען פונם חאובאס האַלוואַוואוס וועט דיר רק קלינגען שילערס „גלאָקע“ אין די אויערן — —

לעצטנס אויף אַ קאָנפערענץ פון יידישער ערציאונג און חנוך דאָ אין לאָנ-דאָן, האָבן הויך און שטאָלץ געקלינגען די ווערטער פונם פאַרטרעטער פונם „חדר יסוד התורה“, דעם באַקאַנטן גדול בישראל הרב ראַבינאָוו: יידישע דערציאונג קאָן אַנדערש נישט זיין, ווי נאָר אַז אַלע למודים זאָלן געלערנט ווערן אויף יידיש.

די פעדאַגאָגלעך מכל המינים, וואָס צווישן זיי האָט זיך מסתם געפינען אַ נישקשהדיקער טייל פון האַלבע און גאַנצע עמי-הארצים, האָבן מסתם גע-קוקט פאַרוואונדערט, הערנדיק אַזאַ שטאָלצע און באַרעכטיקטע יידישע הלכה פסיקה — מיר אָבער זיינען באמת שטאָלץ, וואָס צווישן אונז דאָ, אין אונזער גייסטיק אָרעמען ישוב, געפינען זיך נאָך אַזעלכע רבנים, אַזעלכע גייסטלעכע יידישע גדולים. ש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

אין קינגס-האָל, 83, קאָמערשעל רויד, — 3 אַזייגער

שבת, דעם 7-טן יולי, וועט שלמה אויערבאַך האַלטן אַן אויספיר-לעכן רעפעראַט איבער ח. נ. ביאַליקס שאַפן.

שבת, 14-טן, געווידמעט דעם יידישן שאַפן פון אַמעריקע. א. מ. פוקס וועט ריידן איבער דעם איצט פאַרשטאָרבענעם שרייבער ב. גלאַזמאַן.

שבת, 21-טן, שבת-חזון, געדעכעניש-שבת לכבוד אונזערע קדושים.

שבת, דעם 28-טן, דער טראַדיציאָנעלער שבת-נחמה פייערונג.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאָוועל סטריט, א.1.
פרייז -/1.

66



# יידיש-לשון העפטל

## צוויי סאָנעטן

### ירמיהו

ווען דו ירמיהו האָסט דיין איכה געשריבן
געוועזן זיינען דעמאָלט ליכטיקע צייטן;
אין ריטם פון קלינגענדיקע שקלאַוון-קייטן
האָסט דו פון דיין האַרץ די פייער-פינקן געריבן,

אַרום וועלכע מיר האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן
אין פינסטערניש — אַרום צעצונדענע שייטן.
משיח איז געקומען אויף זיין פערד צו רייטן,
פון דער בייטש וואָס האָט אונז אין גלות געטריבן!

אַצינד זיינען רינגעלעך רויך פון אונז געבליבן,
וואָס קייטלען זיך אויף אין ליידיק לערע ווייטן — —
קיין קלאַנג מער, קיין הויך, קיינעם שוין צו באַגלייטן —
— — — — — — — — — — — — — — —

אַחוץ דאָס ביסעלע אַש אויף שטויבלעך צעריבן,
אויף זיין קאָפּ איצט אבלותדיק אויסצושפּרייטן,
גאָט כביכול געוואָלט האָט עס צוגרייטן — — —

### תשעה באב היי-יאָר

פון כסא-הכבוד שטול איז גאָט אַראָפּ,
אויף פיסנבענקעלע זיך אַנידערגעזעצט,
פון טויזנט שטורעם-ווינטן איז זיין געמיט געהעצט,
פון ווילדע בליצן זיין איינגעבויגענער קאָפּ.

ווען פון זיינע אויגן נאָר אַן איינציקער טראָפּ,
אַ נישט איינגעהאַלטענער, אַראָפּ פאַלט פלוצלינג יעצט,
און דאָס פנים פון דער ערד פון זיין טרער באַנעצט,
אַ מבול פאַרגיסט גאַנצע וועלט און מעקט זי אָפּ.